Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראָשען

היינט 10 זייטען

נייער פאלקסבלאט

№ 29	לאדז, מיטוואך, כ״ו שבט תרצ״ב	צענטער יאהרגאנג	Łódź, Sroda, 3 lutego 1932 r.	№ 29

אדרעס פון רעדאַקציע און אדמיניסטראַציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71. — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.

דעפּ. גרינבוים פערלאזט פוילען

אזא ערקלעהרונג האט נעכטן יצחק גרינבוים אפגעגעבן אויפ׳ן ציוניסטישען צוזאמענפאהר

געוועהלט א נייעם צענטראל-קאמיטעט

וו א ר ש אָ, 2 (טעלעפאָניש) היינט אין דריטען טאָג פון ציוניסטישען צוזאמענפאָהר האָט לעווין געהאלטען א רעפעראט וועגען קרן - קימת לישראל. ס׳איז בעשלאָסען געוואָרען ארויסצושיקען א בעגריסונגס-דעפּעשע צו אוסישקין צו דעם 50 יעהריגען יובילעאום פון זיין ציוניסטישער ארבייט.

ה׳ שאפיר האָט געהאלטען א רעפעראט וועגען די פאלעסטינא-אמטען. ער האָט אָנגעוויזען, אז לעצטענס פערשטארקט זיך די טוריסטיק קיין ארץ-ישראל.

אינזש. קערנער האָט געהאלטען א רעפעראט וועגען שטאָט-ראטען אין צוזאמענהאנג מיט׳ן נייעם געזעץ-פראָיעקט וועגען זעלבסטפערוואלטונגען. דער רעפערענט האָט אָנגעוויזען, אז דער נייער פראָיעקט איז א געפאהר פאר יודען.

ד״ר שיפער האָט געהאלטען א רעפעראט וועגען די קהלות און האָט בעטאָנט אז דער צוזאמענפאָהר דארף בעשליסען צי די ציוניסטען זאָלען בלייבען אין די קהלות, צי נישט. לויט זיין מיינונג דארף מען דאָרט בלייבען און זיי בעקעמפען פון אינעווייניג.

אויף דעם אָוונד איז געקומען צו א שארפען אינצידענט צוליב דעם, וואָס „על-המשמר" האָט נישט געוואָלט אריינלאָזען דעם ד״ר ברוידע אין נייעם צ. ק.

אלע פראַקציעס האָבען זיך אויפגעלעזען, בלויז די על-המשמרניקעס זענען געבליבען ביי דער פראַקציע.

אין דער פערמאנענץ-קאָמיסיע ביים צוזאמענשטעלען דעם נייעם צ. ק. האָט יצחק גרינבוים געמאַכט א סענסאציאָנעלע ערקלערונג, אז זיין פערזאָן קומט אינגאַנצען נישט אין בעטראַכט, ווייל ער פערלאָזט פוילען און בעזעצט זיך אין פאריז.

די דאָזיגע מעלדונג האָט געמאכט אויפ׳ן צוזאמענפאָהר א געוואלדיגען רושם. די וואהלען צום צ. ק. האָבען געגעבען פאָלגענדע רעזולטאטען: קלומעל, הארטגלאס. ד״ר שיפער. ד״ר ראָזענבלאט, ד״ר ברוידע ד״ר דאווידזאָן, עלענבערג, אינזש. קערנער, גאָלדבערג, גראוויצקי. קירשענבוים, אינזש. לאנדשטאק, לימאָן, פרייד און אינזש. גליקלין.

ביי א געוואלדיגען ענטוזיאזם איז דעפּ. גרינבוים אויסגעוועהלט געוואָרען אלס עהרען-פרעזעס פון צ. ק.

ריזיגע בריק איז ווענעדיג



ווענעדיג די שטאָדט אין איטאליען, וואָס איז געבויט אויף א רייה אינזלען און איז דורכגעשניטען פון קאנאלען ווערט פערבונדען דורך א 6-קילאָמעטער לאנגער בריק מיט דער יבשה.

נייער געזעץ-פראָיעקט וועגען הויכשולען אין רומעניע

ב ו ק א ר ע ש ט (ימ״א) דער פרעמיער פראָפ. יאָרגא, וועלכער איז אויך בילדונגס-מיניסטער האָט אויסגעארבייט א געזעץ-פראָיעקט, וואָס זעהט פאָר א רעפאָרם פון אוניווערזיטעטס-סטודיום. דער געזעץ-פראָיעקט ערמיילט דעם פראָפעסאָרען-קאָלעגיום דאָס רעכט צו בעשטימען די צאָהל סטודענטען אויף די פאַקולטעטען און אויסצוועהלען צווישען די קאנדידאטען די געהעריגע סטודענטען.

אין די דעמאָקראטישע קרייזען בעטראכט מען דעם געזעץ-פּראָיעקט פאר א פערמאסקירטען „נומערוס קלאוזוס". א טייל פאָרטשריטליכע פראָפעסאָרען אין יאסי בעציהט זיך נעגאטיוו צום פּראָיעקט.

בעעהרונג פון א יודישען געלעהרטען אין בוקארעשט

ב ו ק א ר ע ש ט, (י.ט.א.) די פראָפעסאָרען פון פילאָזאָפישען פאקולטעט אין בוקארעשט האָבען איינגעאָרדענט א באנקעט לכבוד דעם יודישען געלעהרטען און בעקאנטען רומענישען פילאָלאָג פראָפ. קאָנדרעא-העכט.

דער באנקעט איז איינגעאָרדענט געוואָרען אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואָס דער יודישער געלעהרטער האָט פערענדיגט די ארבייט איבער דעם ערשטען ענציקלאָפעדישען ווערטערבוך פון דער רומענישער שפראך. צאהלרייכע רעדנער האָבען אנגעוויזען אויף די גרויסע פערדינסטען פון פראָפ. קאָנדרעא - העכט פאר דעם רומענישער פילאָלאָגיע.

ארעסטירט גאנדהי׳ס זוהן

ד ע ל ה י, 2 (ספ. טעל.) גאנדהי׳ס זוהן דעווידאַ׳ס איז היינט ארעסטירט געוואָרען.

פראָפעס. פריזיער-ארבייטער-פעראיין
אין לאדז, אנראדאווע 9

צו אלע פריזיער-ארבייטער!

היינט, מיטוואך, דעם 3-טען פעברואר 8 אָוונד קומט פאָר אין לאָקאל פון קולטור-אמט אָ ג ר אָ ד אָ ווא 9

א גרויסע אלגעמיינע פריזיער-ארבייטער-פערזאמלונג

מיט פאָלגענדער טאָג-אָרדנונג:
בעריכט פון דער צווישען-פעראיינס-קאָנפערענץ וועגען פעראייניגען די פעראיינען פון יודישע און פוילישע פריזיער-ארבייטער.

מיר פאָדערן אויף אלע מיטגלידער און נישט-מיטגלידער מאסענווייז און פינקטליך צו ערשיינען'

712 די ארגאַניזיר-קאמיסיע.

„לינת הצדק", לאדז, ציגעל-גאס 17.

פיזיקאלישער טעראַפּישער קאבינעט

איז טעטיג טעגליך פון 11–1 מיטאָג און פון 4 ביז 6 אָוונד געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון א דאָקטאָר-ספעציאַליסט.

קווארץ-לאמפּ, די טערמיע, סאלוקס, עלעקטרישע בעדער.

237

מאשין-מצות

ווערט געבאַקען אלע טאָג פרישע און דינע, ווי אויך מצה-מעהל, אייער-פערפעל און סוכארעס לויט קאָרלסבאָדער סיסטעם

מיר עמפפעהלען צו יעדער צייט אונזערע גוט-בעקאנטע און פרישע געבעקסען פון אונזער איבערגע - בעוואוסטער צוקערביע

ב. ווייַנבערג

38 פּיעטריקאווער 38

:-: טעל. 143-82 :-:

נאָך לאנגע שווערע ליידען איז נעכטען געשטאָרבען אין בליהענדען עלטער פון 18 יאָהר אונזער הייסגעליבטער אונפערגעסליכער זוהן און ברודער

נ״ע **שלמה לייב** בן ר׳ הערצקע נ״י **פאַבושיאק**

די לויה קומט פאָר היינט, מיטוואך, דעם 3-טען פעברואר 1932 (כ״ו שבט תרצ״ב) 1 א זייגער בייטאָג פון טרויער-הויז פולנאָצנא 10, וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע

עלטערן און פאמיליע

713

נאָך קורצע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטאָרבען אין בליהענדען עלטער פון 33 יאָהר מיין ליבער מאַן, אונזער טייערער פאָטער, זוהן, ברודער, שוואָגער און אָנקעל

נ. ע. **יעקב יהודה (לייב)** ב״ר צבי נ״י

סאראזש

(פאַרבען-סוחר)

די לויה קומט פאָר היינט, מיטוואָך, כ״ו שבט תרצ״ב, 12 אַ זייגער בייטאָג פון טרויער הויז, זגערזשער 21, וועגען וואָס ס׳טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

נאָך לאנגע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטאָרבען אין בליהענדען עלטער פון 18 יאָהר

נ״ע **שלמה לייב פאַבושיאק**

(זוהן פון אונזער חשוב׳ן מיטגליד ר׳ הערצקע פאבושיאק)

צו דער לויה, וועלכע קומט פאָר היינט, מיטוואָך, דעם 3. פעברואַר 1932, 1 אַ זייגער בייטאָג פון טרויער-הויז, פולנאָצנאָ 10, ווערען אַלע מיטגלידער געבעטען צו קומען אָבגעבען דעם פערשטאָרבענעם דעם לעצטען כבוד.

די פערוואַלטונג פון בעקער-צעך

אין לאדז, פילסודסקיעגא 57.

711

שאַרפע ענגלישע דעקלאַראַציע

איז נעכטען געלייענט געוואָרען אין דער פעלקער-ליגע וועגען דער כינעזיש-יאַפּאַנישער מלחמה

אויפ'ן מלחמה-פּלאַץ קומען ווייטער פאָר שלאַכטען

גענף, 2 (ספּ. טעל.)) צוליב דער אָפּוועזענהייט פון קראַנקען פּאַרזיצער פון דער [illegible]-ליגע פּאָול באָנקור, האָט מיט דער היינטיגער זיצונג געפיהרט דער פראַנצויזישער רעפּרעזענטאַנט מיניסטער טאַרדיע. דער ערשטער האָט גענומען אַ וואָרט דער ענגלישער פאָרשטעהער מיג. טאָמאַ, וועלכער האָט געלייענט אַ דעקלאַראַציע פון דער ענגלישער רעגירונג. אין דער דעקלאַראַציע ווערט געזאָגט: אַז ס'איז אוממעגליך צו ערלויבען, אַז די לאַגע אויפ'ן ווייטען מזרח זאָל ווייטער אַזוי דויערן ווי זי איז ביז איצט, דאָרט קומט פאָר אַ רעגולערע מלחמה, צוליב דעם האָט ענגלאַנד און אַמעריקאַ בעפוילען זייערע אַמבאַסאַדאָרען אין טאָקיאָ און נאַנקין אויפצופאָדערן: 1) צו שאַפען אין שאַנכיי אַ נייטראַלע סטרעפע, פון וואַנען ס'זאָל אַרויסגעצויגען ווערען דאָס כינעזישע און יאַפּאַנישע מיליטער און בעזעצט ווערען דורך אינטער-נאַציאָנאַלעס, 2) אָפּצושטעלען אַלע געוואַלד-אַקטען און אָפּשטעלען די מלחמה-צוגרייטונגען, און 3) אָנהויבען תיכף אונטערהאַנדלונגען, כדי פריד-ליך צו ערלעדיגען דעם קאָנפליקט לויט דער רעזאָ-לוציע פון דער פעלקער-ליגע.

די פאָרשטעהער פון פראַנקרייך און איטאַליען האָבען ערקלערט, אַז די פעראייניגען זיך צום שריט פון ענגלאַנד און אַמעריקאַ.

די יאַפּאַנישע אָפענסיווע

לאָנדאָן, 2 (ספּ. טעל.) די ידיעות וועגען דער באָמבאַרדירונג פון נאַנקין דורך די יאַפּאַנער בעשטעטיגט זיך. דער יאַפּאַנישער קרייצער „היי-ראַדאַ" האָט אָפּגעגעבען 18 שאָסען אויף דער שטאָט, פיל הייזער זענען בעשעדיגט געוואָרען.

ריגע, 2 (ספּ. טעל.)) לויט סאָוויעטישע ידיעות האָבען די יאַפּאַנער נעכטען פאַרנומען דעם כינעזישען פאָרט וואוסונג הינטער שאַנכיי. אין פאָרט איז אַריינגעשוואומען אַנ'עסקאַדרע פון 4 קרייצערס און 4 קאָנטר-טאָרפּעדען. די כינעזישע מאַכט האָט נישט געשטעלט קיין שום ווידערשטאַנד.

לאָנדאָן, 2 (ספּ. טעל.)) היינט פּריטאַג האָט דאָס יאַפּאַנישע מיליטער פאַרנומען די צענטראַלע פּאָסט אין שאַנכיי, וועלכע געפינט זיך אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנצעסיע, דער יאַפּאַנישער אַד-מיראַל שיאָזאַוואַ האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַ ניי-טראַלער סטרעפע אין שאַנכיי, וועלכע זאָל בעזעצט ווערען דורכ'ן אינטערנאַציאָנאַלען מיליטער.

נייע יאַפּאַנישע כּחות

לאָנדאָן, 2 (ספּ. טעל.)) דער יאַפּאַנישער קייזער האָט נאָמינירט דעם גענעראַל שאַקאַכאַנאַזי אַלס הויפּט-אָנפיהרער פון דער יאַפּאַנישער אַרמעע אין שאַנכיי.

דער יאַפּאַנישער קייזער האָט אויך אונטער-געשריבען אַ פאַראָרדנונג, אַז די צווייטע יאַפּאַנישע עסקאַדרע זאָל באַלד ריהרען קיין שאַנכיי.

די שלאַכט וועגען כאַרבין

ריגע, 2 (ספּ. טעל.)) לויט סאָוויעטישע ידי-עות האָט דער יאַפּאַנישער גענעראַל-שטאַב אַרויס-געגעבען אַ פאַראָרדנונג צו קאָנצענטרירען מילי-טער אין ראַיאָן פון כאַרבין.

די בריק אויפ'ן טייך סונגאַרי איז דורך די יאַפּאַנער צורעכט געמאַכט געוואָרען. טראַנספּאָר-טען פון יאַפּאַנישען מיליטער געהען שנעל קיין כאַרבין. 60 קילאָמעטער פון דער שטאָט קומען פאָר קאַמפען צווישען יאַפּאַנישען מיליטער און דער אַרמעע פון גענעראַל דינטשאַאָ.

טראַנספּאָרט פון ענגליש מיליטער

לאָנדאָן, 2 (ספּ. טעל.)) פיר ענגלישע טראַ-פּעדאָ-שיפען, וועלכע זענען געשטאַנען אין באָמביי, האָבען בעקומען אַ בעפעהל אָפּצופאָהרען קיין סינ-גאַפּאָר. ווי ס'מעלדעט דער „דיילי עקספּרעס", האָט אַ באַטאַליאָן ענגלישע פיעכאָטע אין סינגאַפּאָר בעקומען אַ בעפעהל צו זיין גרייט צום מאַרש און זאָל אַרויסגעשיקט ווערען קיין שאַנכיי.

דיפּלאָמאַטישע אַקציע געגען יאַפּאַן

לאָנדאָן, 2 (ספּ. טעל.)) פון טאָקיאָ מעל-דעט מען, אַז די אַמבאַסאַדאָרען פון אַמעריקאַ, ענג-לאַנד און איטאַליען האָבען אין יאַפּאַנישען אויס-ערן-מיניסטעריום אָפּגעגעבען אַ נייעם פּראָטעסט געגען דער יאַפּאַנישער אַקציע אין שאַנכיי.

גענף, 2 (ספּ. טעל.) די אַמעריקאַנער רעגי-רונג האָט אָפּגעוואָרפען דעם פאָרשלאָג פון גענע-ראַל-סעקרעטאַר פון דער פעלקער-ליגע צו דעלע-גירען אַ פאָרשטעהער אין דער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע וועגען די געשעהענישען אין שאַנכיי. די אַמעריקאַנער רעגירונג מאָטיווירט איהר אָפּ-זאָג דערמיט, וואָס וועגען דעם איז נישט געווען קיין איינשטימיגקייט אין דער פעלקער-ליגע.

דער קאַמף וועגען נאַנקין

לאָנדאָן, 2 (ספּ. טעל.) די יאַפּאַנער האָבען אַרויסגעזעצט מיליטער אַרום נאַנקין. דאָס כינע-זישע מיליטער האָט זיך בעזעצט הינטער די מוי-ערן פון שטאָט. דאָס באָמבאַרדירען די שטאָט נאַנ-קין איז פאָרגעקומען אָהן התראה צו דער בעפעלקע-רונג. טויזענדער איינוואוינער אנטלויפען פון דער שטאָט.

ריגע, 2 (ספּ. טעל.)) לויט סאָוויעטישע ידי-עות וועלען די יאַפּאַנער נאָכ'ן פאַרענדיגען די מלחמה-אָפּעראַציעס הינטער נאַנקין אַרויסשיקען טאָרפּעדאָ-שיפען קיין האַנקאַו.

דער אַמעריקאַנער פלאָט איז גרייט

לאָנדאָן, 2 (ספּ. טעל.) דער אַמעריקאַנער פלאָט פון שטילען אָקעאַן, וועלכער בעשטעהט פון 9 ליניען-שיפען, 2 טראַנספּאָרט-אַעראָפּלאַנען און 60 הילפס-שיפען זענען אָפּגעשוואוימען אויף די האַוואַיישע אינזלען.

לויט ערקלערונגען פון די אַמעריקאַנער אַדמי-ראַלען, איז דער פלאָט פון שטילען אָקעאַן אַרויס-געפאָהרען אויף מאַנעווערס. ס'איז אָבער נישט אויסגעשלאָסען, אַז זיי וועלען באַלד בעקומען אַ בעפעהל אָפּצושוואוימען קיין שאַנכיי.

מוסאָליני האָט אויך אַרויס-געשיקט קריגס-שיפען

רוים, 2 (ספּ. טעל.)) פון שאַנכיי מעלדעט מען, אַז די איטאַליענישע קרייצער-שיף האָט אַ-רויסגעזעצט אויפ'ן ברעג אַנ'אָפּטיילונג פון 160 זעלנער, צוזאַמען מיט פּולעמיאָטען. אין שאַנכיי געפינט זיך אַ גרעסערע צאָהל איטאַליענער. כדי צו בעשיצען די איטאַליענישע בירגער, שטעהען אויף די וואַסערן 3 איטאַליענישע קריגס-שיפען. אין שאַנכיי וואוינט אויך מוסאָליניס עלטסטע טאָכ-טער, וועלכע האָט חתונה-געהאַט מיט'ן איטאַליעני-שען גענעראַל-קאָנסול אין שאַנכיי.

בעראַטונגען אין וואַשינגטאָן

לאָנדאָן, 2 (ספּ. טעל.) דער יאַפּאַנישער אַמ-באַסאַדאָר איז היינט אויפגענומען געוואָרען דורך דעם אויסערן-מיניסטער סטימסאָן. אין די מאַסגע-בענדע קרייזען קומען פסדר פאָר [illegible]. דער פּרעזידענט הובער ווערט פסדר אינפאָרמירט וועגען גאַנג פון די געשעהענישען אויפ'ן ווייטען מזרח. ער האָט אויך אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפערענ-מיט'ן אויסערן-מיניסטער סטימסאָן.

פראַנקרייך וואָרענט יאַפּאַן

לאָנדאָן, 2 (ספּ. טעל.) פון טאָקיאָ מעל-דעט מען, אַז דער פראַנצויזישער אַמבאַסאַדאָר איז געווען ביים יאַפּאַנישען אויסערן-מיניסטער. דער אַמבאַסאַדאָר האָט געוואָרענט די יאַפּאַנישע רעגירונג און אָנגעוויזען אויפ'ן אינטערנאַציאָנאַ-לען כאַראַקטער פון שאַנכיי.

וואָס זאָגט דער יאַפּאַנישער אַמבאַסאַדאָר אין וואַרשאַ

וואַרשאַ, 2 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָר-רעספּאָנדענט) דער יאַפּאַנישער אַמבאַסאַדאָר אין וואַרשאַ האָט פאַרעפענטליכט אַ קאָמוניקאַט וועגען די געשעהענישען. אין קאָמוניקאַט ווערט גע-זאָגט, אַז זייט אַ לענגערע צייט האָט מען אין כינע שרעקליך פאַרפאָלגט די יאַפּאַנער. די יאַפּאַנער האָבען דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט די כינעזישע רעגירונג, וועלכע האָט אויסגעמיטען צו געבען אַנ'ענטפער. צוליב דעם, איז דאָס יאַפּאַנישע מיליטער געצוואונגען געווען צו שיצען דאָס לעבען און פער-מעגען פון די יאַפּאַנישע בירגער אין כינע.

די אויספאָרשונגס-קאָמיסיע פון דער פעלקער-ליגע

פּאַריז, 2 (ספּ. טעל.) מאָרגען אינדערפריה הויבען זיך אָן די בעראַטונגען פון דער אויספאָר-שונגס-קאָמיסיע פאַר מאַנדזשוריען, לויט אַלע וואַהרשיינליכקייטען וועט די קאָמיסיע אָפּפאָהרען קיין מאַנדזשוריען מיטוואָך אינדערפריה.

גענף, 2 (ספּ. טעל.) דער ראַט פון דער פעלקער-ליגע וועט מיטוואָך בעטראַכטען דעם בע-ריכט פון דער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע וועגען די געשעהענישען אין שאַנכיי.

ווי בעקאַנט בעשטעהט די קאָמיסיע פון די קאָנסולאַרע פאָרשטעהער פון ענגלאַנד, פראַנק-רייך, דייטשלאַנד, איטאַליען, נאָרוועגיען און שפּאַניען.

Dr. Różaner
צוריקגעקעהרט
ספּעציאַליסט פון הויט און ווענערישע קראַנק-הייטען, מענער-שוואַכע און קינדערלאָזיגקייט
נאַרוטאָוויטשאַ 9, טעלעפאָן 128-98
נעמט אָן פון 8—10; 4—8 אָוונט.
זונטאָג פון 9 ביז 10 פריה.

שייטלען מיט פּאַריזער שרינרען
ווי אויך פאַרטיגע שייטלען
צו ביליגע פּרייזען
ביי פרוי ב. פּאַרזשוצקאַ, קאַמיענאַ 5
2-טער הויף, לינקס, 2-טער שטאָק.

אינטערנאַציאָנאַלע קאָנווענץ געגען אַנטיסעמיטיזם

איניציאַטיוו פון אַנ'איטאַליענישען געלעהרטען

רוים. (י.ט.א.) דער יודישער פּראָפעסאָר פון רוימער אוניווערזיטעט ד"ר גווידאָ טעדעשי, אויטאָר פון ווערטפולע, אָריגינעלע ווערק אויפ'ן געביט פון ציוויל-רעכט, איז אַרויסגעטרעטען מיט אַנ'איניציאַטיוו צו שאַפען אַנ'אינטערנאַציאָנאַלע קאָנווענץ אונטער'ן פּראָטעקטאָראַט פון פעלקער-בונד געגען אַנטיסעמיטיזם. דורך דער דאָזיגער קאָנווענץ דאַרפען זיך מתחייב זיין פאַרשידענע רעגירונגען איינפיהרען אַ ספּעציעלע שאַרפע גע-זעצגעבונג געגען אַנטיסעמיטישע אויפרייצונגען און ברוטאַלע פאָרמען פון יודען-האַס.

די איניציאַטיוו פון פּראָפ. טעדעשי האָט געפונען אַנ'אָפּקלאַנג אין די מאַסגעבענדע קרייזען פון איטאַליענישע יודענטום און ווערט ברייט דיסקוטירט דורך בעדייטענדע יודישע פּערזענליכ-קייטען אין וואָכענשריפט „איזראַעל", וואָס ער-שיינט אין פלאָרענץ.

פּראָפ. טעדעשי האָט אין אַ לענגערען גע-שפּרעך מיט דעם י.ט.א.-פאָרשטעהער אין רוים געגעבען פאָלגענדע ערקלערונגען וועגען די רעאַ-ליזאַציע-מעגליכקייט פון זיין איניציאַטיוו.

די ביז-איצטיגע געזעצגעבונג, וואָס עקזיס-טירט אין אַלע לענדער און זעהט פאָר שטראָפען פאַר אויפהעצען איין טייל בעפעלקערונג געגען דעם אַנדערען, אַנגרייפען געגען פּערזאָנען, זייער פערמעגען און לעבען — ערקלערט פּראָפ. טעדעשי — האָבען זיך אַרויסגעוויזען אַלס נישט גענוגענד, כדי צו פאַרטיידיגען די יודען געגען די אַנטיסע-מיטישע אַרויסשרייטונגען. דאָס געשעהט אָפט אויך צוליב דעם, וואָס די ריכטער לאָזען זיך בעאיינ-פלוסען מיט פאַרשידענע אייגענע אינטערפּרעטאַ-ציעס, וועלכע שוואַכען אָפּ די סאַנקציעס, וואָס דאַרפען אָנגעווענדעט ווערען.

עס דאַרף דעריבער געשאַפען ווערען אַ ספּעציעלע געזעצגעבונג, צו וועלכע עס זאָלען — דורך אַנ'אינטערנאַציאָנאַלער קאָנווענץ — צושטע-הען די אייראָפּעאישע מלוכות.

דאָס שאַפען אַ ספּעציעלע געזעצגעבונג, וואָס זאָל ווי געהעריג פאַרטיידיגען די יודישע בעפעלקערונג געגען אַנטיסעמיטישע אַנגרייפען איז נישט קיין נייע ערשיינונג אין דער געשיכטע. אַזאַ געזעצגעבונג האָבען געשאַפען אין דער פאַרגאַנ-גענהייט איינציגע פּויפּסטען, ווי אינאָצענט דער 4-טער, גרעגאָר דער 10-טער און פּאָול דער 3-טער. דער פּוילישער קעניג קאַזימיר האָט אין זיינע פּריווילעגיעס געדראָהט אפילו מיט טויט-שטראָף פאַר פייניגען יודען.

וואָס פאַר אַ מיינונג — האָט געזאָגט ווייטער פּראָפ. גווידאָ טעדעשי — מען זאָל נישט האָבען וועגען דעם היינטיגען רעזשים אין רוסלאַנד, מוז מען דאָך אַנערקענען דאָס אַנ'עהנליכע שאַרפע גע-זעצגעבונג אין בעצוג צו אַנטיסעמיטישע ערשיי-נונגען האָט אָנגענומען די סאָוויעטען-מאַכט. אַנטי-סעמיטישע אַקטען ווערען דאָרט בעזונדערס שטרענג בעשטראָפט און אַנערקענט אַלס „אַנטי-רעוואָלוציאָ-נערער סאַבאָטאַזש".

צי איז מעגליך, אַז איינצעלנע אייראָפּעאישע מלוכות זאָלען אָננעמען אַזאַ געזעצגעבונג אין בע-צוג צום אַנטיסעמיטיזם? צוליב אורזאַכען פון אי-נערליכער פּאָליטיק וועט עס אין פיל פאַלען זיין שווער. ווען אָבער די זאַך וועט געשטעלט ווערען אויפ'ן אינטערנאַציאָנאַלען באָדען — אַזוי ווי זי איז געשטעלט געוואָרען אין פאַל פון ציוניזם, פון שאַפען אַ רעכטליך געזיכערטע היים פאַר דעם יודישען פאָלק, אויפ'ן גרונד פון אַנ'אינטערנאַציאָ-נאַלער קאָנווענץ, וועט די דאָזיגע איניציאַטיוו זיכער קענען רעאַליזירט ווערען.

די איניציאַטיוו פון שאַפען אַנ'אינטערנאַציאָ-נאַלע קאָנווענץ וועגען אַ ספּעציעלע האַרבער גע-זעצגעבונג געגען אַנטיסעמיטישער העצע און אויס-שרייטונגען וואָלט אָמבעסטען געקענט לאַנסירט ווערען דורך דעם ענגלישען יודענטום, דורך זיינע איינפלוסרייכע אָרגאַניזאַציעס און בעדייטענדע יודישע פּערזענליכקייטען.

אויך פיל רעגירונגען — האָט געענדיגט זיי-נע ערקלערונגען פּראָפ. טעדעשי, וועלכע האָבען צו טון אין זייערע לענדער מיט אומפאַראַנטוואָרט-ליכע און שעדליכע אַנטיסעמיטישע אַקציעס, וואָל-טען גערן געזעהען די שאַפונג פון אַזאַ קאָנווענץ וועלכע וואָלט פאַר זיי געווען אַ גוט געוועהר גע-געגען אַנטיסעמיטישע העצער.

Prywatne POGOTOWIE LEKARSKIE
ZIELONA 6,
Telefon 12-333
tel. 12-333
tel. 12-333
ערטיילט דרינגענדע ערצטליכע הילף אין אַלע פּלוצימדיגע פאַרפאַלען צו יעדער צייט ביי טאָג און ביי נאַכט ווי אויך אין אַלע אַקושעריע און גינעקאָלאָגישע הילף.

געעפענט די ענטוואָפנונגס-קאָנפערענץ

הענדערסאָנ'ס רעדע וועגן צוזאַמענהאַנג פון דער ענט-וואָפנונג מיט דעם ווירטשאַפטליכען קריזיס

ג ע נ ף, 2 (ספּ. טעל.) פּונקט האַלב 5 אַ זייגער באַכמיטאָג איז געעפענט געוואָרען די ענטוואָפנונגס-קאָנפערענץ. די ערשטע זיצונג איז געווען געווידמעט דער רעדע פון פאָרזיצער אַרטור הענדערסאָן און אויך דעם בעשטימען פון עטליכע קאָמיסיעס.

אין אָנהויב פון זיין רעדע האָט דער פאָרזיצער הענדערסאָן ערקלערט, אַז ער מוז דערמאָהנען דעם טראַגישען פאַקט, אַז אין מאָמענט ווען ס'זענען זיך צונויפגעקומען די מלוכות אויף אַ קאָנפערענץ וועגען ענטוואָפנונג און שלום, איז די לאַגע אויפ'ן ווייטען מזרח אַ זעהר דראָהענדע. ער האָט אַפּעלירט צו אַלע, וואָס האָבען אונטערגעשריבען דעם ליגע-אָפּמאַך, אַז דער אָפּמאַך זאָל געשיינט ווערען. הענדערסאָן האָט ווייטער אונטערגעשטראָכען די גרויסע בעדייטונג פון דער קאָנפערענץ, וועלכע איז די וויכטיגסטע אינטערנאַציאָנאַלע פערזאַמלונג זייט דעם סוף פון דער מלחמה. נאָך קיינמאָל האָט מען נישט געזעהען אַזאַ אימפּאָנירענדע ליסטע פון מיניסטאָרען, נאָך קיינמאָל איז נישט געווען קיין קאָנפערענץ, וועמענס אויפגאַבען ס'זאָלען זיין אַזעלכע דרינגענדע און אַזוי וויכטיג פאַר דער בעפעלקערונג. די אויפגאַבען פון דער קאָנפערענץ זענען דריי-ערליי: 1) אַדורכצופיהרען אַ פערקלענערונג פון דער בעוואָפענונג, 2) פערזיכערן, אַז קיין שום קאַטעגאָריע בעוואָפענונג וועט נישט אויסגעמיטען ווערען דורך דער קאָנווענץ און 3) פערזיכערן זיך אַ פּערמאַנענטע אַרבייט איבער דער ענטוואָפענונג דורך צונויפרופען אַפטע אַזעלכע קאָנפערענצען אין באַהעסטע פּאַשניטען צייט.

הענדערסאָן בעווייזט, אַז ס'איז פאַלש די מיינונג, אַז בעוואָפענונג האָבען געגעבען זיכערהייטס-גאַראַנטיעס. ער ווייזט אויך אָן אויף דעם צוזאַמענהאַנג צווישען דער ענטוואָפענונג און דעם ווירטשאַפטליכען קריזיס. די הויפּט-סיבה פון קריזיס איז די פינאַנץ-לאַסט אויף בעוואָפענונג. צום סוף ערקלערט הענדערסאָן, אַז אַ דורכפאַל פון דער קאָנפערענץ וואָלט געהאַט קאַטאַסטראָפאַלע פאָלגען.

ג ע נ ף, 2 (ספּ. טעל.) אַ פּרעסע-אַגענטור מעלדעט מיט, אַז ס'איז געקומען צו אַ מיינונגס-פערשידענהייט צווישען פּרעזידענט פון דער ענטוואָפנונגס-קאָנפערענץ הענדערסאָן מיט דעם גענעראַל-סעקרעטאַר פון דער פעלקער-ליגע עריק דרומאָן. דער סעקרעטאַר האָט פּראָטעסטירט געגען דעם טייל פון הענדערסאָנס רעדע, אין וועלכער ס'ווערט געזאָגט, אַז ביי אַ דורכפאַל פון דער קאָנפערענץ איז אין געפאַהר די גאַנצע פעלקער-ליגע.

„מיין אינטערעסאַנטסטער בעזוך“

אַ דייטשער שריפטשטעלער וועגן זיינע איינדרוקען אין א"י

י ר ו ש ל י ם, (יט"א) אין ארץ-ישראל האָט געווילט אַ קורצע צייט דער בעקאַנטער דייטשער פּאָליטישער שריפטשטעלער און אַרץ-ענט - קענער פּראָפ. פּאול ראָהרבאַך, וועלכער האָט לעצטענס געמאַכט אַ רייזע איבער אַמעריקאַ, יאַפּאַן, אינדיען, כינע און עגיפּטען.

פּראָפ. ראָהרבאַך האָט בעזוכט אין ארץ-ישראל אַ רייהע יודישע קאָלאָניעס, די סאַנאַטאָריע פון קופּת-חולים און אַנדערע.

אין אַ געשפּרעך מיט'ן סעקרעטאַר פון קרן-היסוד האָט פּראָפ. ראָהרבאַך ערקלערט צוו. אַנד.: „מיין בעזוך אין ארץ-ישראל איז געווען דער אינטערעסאַנטסטער פון מיין וועלט-רייזע. אין קיין לאַנד האָב איך נישט געזאַמעלט אַזוי פיל אינטערעסאַנטע ערפאַהרונגען. צום ערשטען מאָל בין איך געווען אין ארץ-ישראל אין יאָהר 1898. דערמאָלט בין איך געקומען קיין ארץ-ישראל פון דמשק דורך דעם עבר-הירדן. דער עמק איז געווען בעזעצט אויסשליסליך דורך בעדואינער, קיין שום סימן פון לאַנדווירטשאַפט האָט מען נישט געזעהען. צום צווייטען מאָל בין איך געווען אין ארץ-ישראל אין יאָהר 1911. זייט דאַן זענען געמאַכט געוואָרען איבעראַשענדע פאָרטשריטען אין שטאָט און דאָרף זעהט מען אַ ניי לעבען“.

שרעקליכע קאַטאַסטראָפע

מיט דער דייטשער מאַנשאַפט אויף דער ווינטער - אָלימפּיאַדע

ל אָ ן פּ ל ע ס י ד. 2 (ספּ טעל.) מיט דער דייטשער מאַנשאַפט אויף דער ווינטער-אָלימפּיאַדע איז געשעהען א שרעקליכע קאַטאַסטראָפע. 4 מענשען פון דער מאַנשאַפט זענען אַראָפּגעפאַלען איבער דער באַנדע פון א הויך פון 50 מעטער. אַלע זענען זעהר שווער פערוואונדעט געוואָרען. זיי געפינען זיך אין גסיסה.

———=:)O(:=———

נאָך פופציג טעג הונגערן

געשטאָרבען אין טורמע

ל אָ נ ד אָ ן, 2 (ספּ. טעל.) אין אַלעקסאַנדריע איז געשטאָרבען אין דער טורמע – טאַהאַ הוסיין דער עגיפּטישער רעוואָלוציאָנערער טוער, וועלכער האָט מיט א יאָהר צוריק אויסגעפיהרט א נישט-געלונגענעם אטענטאט אויפ'ן עגיפּטישען פּרעמיער און איז פערמשפּט געוואָרען אויף 7 יאָהר טורמע. הוסיין האָט ערקלערט א הונגער-שטרייק. נאָך 50 טעג הונגערן איז ער געשטאָרבען.

דער קערפּער פון סטודענט וואַצלאַווסקי

איז נעכטען עקסהומירט געוואָרען אין ווילנא

ו י ל נ אָ, 2 (ספּ. טעל.) נעכטען איז אויפ'ן קאַטוילישען צמענטאַזש פאָרגעקומען די עקסהומאַציע פון טויטען קערפּער פון סטודענט וואַצלאַווסקי, וועלכער איז דערהרגעט געוואָרען בעת די אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען אין ווילנא.

בזמן דער אונטערזוכונג פון טויטען קערפּער איז דער צמענטאַזש געווען אַרומגעשטעלט מיט פיל פּאָליציי און קיין זייטיגע מענשען איז נישט צוגעלאָזען געוואָרען. די אונטערזוכונג האָט אדורכגעפיהרט דער פּראָפעסאָר פון געריכטס - מעדיצין אין ווילנער אוניווערסיטעט סיענגאַלעוויטש אין אנוועזענהייט פון פּראָקוראָר און אויספאָרשונגס-ריכטער.

ווי ס'מעלדעט דער אָפיציעלער קאָמוניקאַט, איז געווען נויטיג נאָכאַמאָל צו בעקוקען דעם טויטען קערפּער. כדי צו וויסען, ווי אַזוי דער פערשטאָרבענער האָט בעקומען די וואונדען.

———=):O:(=———

5 פּאָלאַקען האָבען פאַבריצירט פאַלש געלד אין פראַנקרייך

פּ אַ ר י ז, 2 (ספּ. טעל.) די פּאָליציי-פּרעפעקטור מעלדעט, אַז אין פּאַריז זענען אַרעסטירט געוואָרען 5 פּאָלאַקען, וועלכע האָבען זיך פערנומען מיט פאַבריצירען פאַלשע דייטשע מאַרקען. די פעלשער האָבען געאַרבייט צווישען די פּוילישע עמיגראַנטען. איינע פון די אַרעסטירטע איז די לאַזערין סטאַניסלאַווא לוביאַטאָווסקא. אַלע אַרעסטירטע זענען אין פּאַריז געווען אינלענדער.

קאַטאַסטראָפע מיט א שנעל-צוג

פּ אַ ר י ז, 2 (ספּ. טעל.) דער שנעל-צוג פּאַריז-ליאָן-מיילאַנד איז אַראָפּ פון די רעלסען הינטער מאָנטראָ אויף דרום פון פּאַריז. דער מאַשיניסט איז דער'הרג'עט געוואָרען. 4 פּאַסאַזשירען זענען פערוואונדעט געוואָרען.

צו דער קאַטאַסטראָפע מיט'ן ענגלישען או-וואַסער-שיפעל „מ.2.“

די אומגעקומענע אָפיצירען פון שיפעל.

דער נייער פּרעזידענט פון פּאַראַגוואַי, עאוזעבאָ איאַלאַ

מאַקדאָנאַלד האָט אַן אָפּעראַציע

ל אָ נ ד אָ ן, 2 (ספּ. טעל.) מאַקדאָנאַלד וועט זיך מאָרגען לאָזען אדורכפיהרען אַן אָפּעראַציע פון לינקען אויג צוליב דער אָפּגעשוואַכטער ראיה וואָס איז געקומען פון פיל אַרבייטען. מאַקדאָנאַלד וועט דעריבער נישט קומען קיין גענף.

קאָנפערענץ פון יוד. פרויען-פעדעראַציע אין אַמעריקאַ

נ י ו - י אָ ר ק, (י.ט.א.) אין „האָטעל אַסטאָר“ איז פאָרגעקומען די 12-טע יעהרליכע קאָנפערענץ פון דער פעדעראַציע פון יודישע פרויען-אָרגאַניזאַציעס, וועלכע צעהלען 100,000 יודישע פרויען.

מיט א גרויסער רעדע איז אַרויסגעטרעטען אויף דער קאָנפערענץ ראַבינער ד"ר סטעפאַן ווייז. די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען א רייהע בעשלוסען און רעזאָלוציעס וועגען א רעטונגס-אַקציע לטובת די קרבנות פון ווירטשאַפטליכען קריזיס און פאַר א צוזאַמענאַרבייט פון אַלע פרויען צו זיכערן דעם וועלט-פרידען.

50-יעהריגער יובילעי פון פּרץ הירשביין

נ י ו - י אָ ר ק, (יט"א) אין צוזאַמענהאַנג מיטן 50-יעהריגען יובילעאום פון פּרץ הירשביין, אָרדענט איין די יודישע קולטור-געזעלשאַפט אַ גרויסע פייערונג אין ניו-יאָרק. אין דער פייערונג וועלען זיך בעטייליגען די בעדייטענדסטע יודישע שריפטשטעלער אין אַמעריקאַ.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער יובילעאום-פייערונג וועט דעם 25-טען פעברואַר אויפגעפיהרט ווערען אין „פאָלקס-טעאַטער“ אַ נייע פּיעסע פון פּרץ הירשביין — "פּיאָנערן", וואָס בעהאַנדעלט דאָס לעבען פון די נייע יודישע קאָלאָניסטען אין סאָוויעטען-פערבאַנד.

פּראָצעס פון די פערוואַלטונגס-מיטגלידער

פון דער קולטור-ליגע אין בערעזע

ר אָ ו נ ע. (יט"א) אויף דער סעסיע פון קרייז-געריכט אין בערעזע איז בעטראַכט געוואָרען אין דער צווייטער אינסטאַנץ דער פּראָצעס געגען די פערוואַלטונגס-מיטגלידער פון דער בערעזער „קולטור-ליגע“, וועלכע זענען אָנגעקלאָגט געוואָרען פאַר איינאָרדנען דעם פערגאַנגענעם יאָהר אַן'אומלעגאַלע 1 מאי פייערונג. אין דער ערשטער אינסטאַנץ זענען די אָנגעקלאָגטע פערמשפּט געוואָרען אויף אַרעסט פון 2 וואָכען ביז 2 חדשים.

נאָכ'ן אויסהערען די רעדעס פון פּראָקוראָר און פון דער פערטיידיגערין אדוו. איווינסקאַ האָט דאָס קרייז-געריכט אַרויסגעטראָגען פאָלגענדען אורטייל: דער פאָרזיצער פון דער „קולטור-ליגע“ בילשטיין — 2 וואָכען אַרעסט, אָדער 100 זל. שטראָף, פרידמאַן – 100 זל. שטראָף, נאַדעל - 2 וואָכען אַרעסט אָדער 50 זל. שטראָף און קאַליש 1 טאָג אַרעסט.

פייערליכע ערעפענונג פון א מוסטער-אויסשטעלונג

פון דער ארץ-ישראל-פּראָדוקציע

וו א ר ש אַ (יט"א) די פּויליש - א"י'דיגע האַנדעלס-קאַמער טיילט מיט, אַז זונטאָג, דעם 7 פעברואַר 12 א זייגער בייטאָג וועט פאָרקומען די פייערליכע ערעפענונג פון דער שטענדיגער מוסטער אויפשטעלונג פון דער א"י-פּראָדוקציע. וואָס ווערט איינגעאָרדנעט אין לאָקאַל פון דער האַנדעלס-קאַמער, קרולעווסקאַ 43. אויף דער פייערליכער ערעפענונג זענען איינגעלאַדען געוואָרען א רייהע פערזענליכקייטען פון די אָפיציעלע ווירטשאַפטליכע און געזעלשאַפטליכע קרייזען ווי אויך אַלע מיטגלידער פון דער קאַמער. דער אויסשטעלונגס-זאַל איז דעקאָרירט געוואָרען לויט די פּראָיעקטען פון מאַלער מ. עליאַוויטש. דעם וויטראַזש האָט געמאָלען דער מאַלער שליוזניאַק. נאָך דער אָפיציעלער ערעפענונג וועט די אויסשטעלונג זיין צוטריטליך פאַר'ן פּובליקום.

דאָס בלוטיגע פערברעכען אין סאַראַקע

ב ו ק א ר ע ש ט. (יט"א) די רומענישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פאַרטיי האָט דעלעגירט קיין סאַראַקע דעם דעפּ. יאַן מירעסקו און דעם גענעראַל-סעקרעטאַר לאָטאַר ראַדאַשאַנו, כדי זיי זאָלען פערגענצען די מאַטעריאַלען וועגען די סאַראַקער געשעהענישען.

עס געהען אַרום קלאַנגען, אַז דער קאָמאַנדאַנט פון דער גרעניץ-וואַך אין סאַראַקע קאַפּיטאַן יאָנאַ און צוויי זעלנער זענען אַרויסגערופען געוואָרען קיין בוקאַרעשט אין צוזאַמענהאַנג מיט די לעצטע געשעהענישען. קאַפּיטאַן גאָיאַ ווערט, ווי בעקאַנט, בעשולדיגט, אַז ער האָט זיך בעטייליגט אין דעם פערברעכען, שטענדיג פון זיין יאַגד-ביקס. ווי מען גלויבט, וועט קאַפּיטאַן גאָיאַ זיך שוין נישט צוריקקעהרען אויף זיין אַמט אין סאַראַקע.

די העברעאישע גימנאַזיע אין סאַראַקאַ זאָל ווידער געעפענט ווערען

ב ו ק א ר ע ש ט, (יטא) די יודישע פּאַרלאַמענטאַרישע פאָרשטעהער און די עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין רומעניען אינטערוועניר ען ענערגיש ביי די געהעריגע מאַכט-אינסטאַנצען, אַז די העברעאישע גימנאַזיע וואָס איז געשלאָסען געוואָרען דורך דער מאַכט נאָך די בלוטיגע געשעהענישען אין סאַראַקאַ, זאָל ווידער געעפענט ווערען.

אין בוקאַרעשט האָט אויך געווילט וועגען דעם ענין דער פאָרזיצער פון קאָמיטעט פון דער תרבות גימנאַזיע ה' יצחק סיטראָן.

ווי י.ט.א. ווערט געוואר האָט דאָס מיניסטעריום פאַר בעסאַראַביען זיך אַרויסגעזאָגט פאַר ווידער עפענען די „תרבות“ גימנאַזיע אין סאַראַקאַ ביי „אַנווענדען געוויסע פערזיכערונגס מיטלען“ און האָט זיך אין דעם זין געווענדעט צום בילדונגס-מיניסטער.

מאַשין-לעכער ווערן אָנגענומען אויסצונייען ביי ג. גאַרדמאַן, שרודמיעסקאַ 8

לאדז, 3 פעברואר 1932

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז, 3 פעברואר 1932

די טראגעדיע
פון זעקס יודישע יונגעלייט

די רומענישע גרעניץ־וואך האט איצט ווידער רעפרעזענטירט פערשאסען א יו־ען, דער זעקסטער קרבן. 6 יונגע יודען האבען געוואלט אריבערכאפען זיך איבער'ן דניעסטער, דעם טייך, וואס טיילט אפ רומעניען פון ראטען־פערבאנד. זיי האבען אוודאי געוואוסט, אז ס'איז א סכנה צו פערשעפען זיך מיט די, וועלכע היטען דעם אויסגאנג פון רומענישען גהי־נום און זיי האבען געשטעלט זייער לעבען אין קאן.

מסתמא איז שוין נישט געווען וואס אפצוווארטען. חדשים, יאהרענלאנג געזוכט ארבייט — און נישט געפונען; געזעסען אויף קעסט ביי די ארימע עלטער־ען — און נישט געקענט מעהר פערטראגען די נויט, דעם עלענד; ארומגעשלעפט זיך איבער די שמוציגע גאסען פון שטעט און שטעטלעך — און נישט געפיהלט מעהר קיין זינען איב'ם וואלגערען זיך, איב'ם אומגיין שליגג און שלאנג, איב'ם נע־ינד זיין אהן א ציל, אהן א פונק האפענונג...

ווער ווייס, וויפיל נעכט די יונגעלייט זענען נישט געשלאפען, ביז וואנען זיי האבען פועל גע־ווען ביי זיך צו לאזען זיך זוכען א תכלית אויף אט דעם וועג, אויף וועלכען הונדערטער מענשען האבען, זוכענדיג רעטונג, געפונען זייער טויט.

זיי ווילען ארבייטען, האבען זיי געטראכט, זיי ווילען בויען, וואָרום בלייבען דא זיצען איז דאך אוודאי קיין תכלית נישט.

זעה איך אין די זעקס בעסאראבער בחורים וואס זענען געגאנגען זוכען לעבען און געפונען טויט, אומזיניגען טויט אויפ'ן גרעניץ — זעה איך נישט באר זיי אליין, א סך מעהר ווי זעקס זענען זיי געווען; ס'האבען געשוועבט ארום זיי די בשמות — די חלומות — פון הונדערטער, טויזענטער חברים.

האט רומעניען, האט פוילען ארבייט פאר דער יוגענד? ספעציעל פאר דער יודישער יוגענד? האבען די יודישע קהלות, די יודישע ארגאניזאציעס בעשעפטיגונג פאר יודישע יונגעלייט? אדער איז דא אפשר אנ'ארט, וואוהין זיי קענען פאהרען? לאזט מען זיי אריין אין אנדערע לענדער?

אויף אט דער פראגע מוז מען דער יוגענד ענטפערען, איידער מ'לאזט זיך אריין מיט איהר אין פאליטישע וויכוחים. און אויב קיין ענטפער איז ניש־טא, זענען ארויסגעווארפען די רייד און די ווארבונגען.

און — גאכאמאל — ווי אזוי קען מען זיך גאר פערגיניגען קומען צו מענשען און זאגען די: „יווארט זיצט און ווארט", ווען מ'ווייס נישט אויף וואס זיי האבען צו ווארטען?

ווי אזוי קען מען אפרידען די יוגענד פון א ווענ, ווען ער זאל אפילו זיין דער געפעהרליכסטער אויב מ'האט נישט קיין אנדער וועג, אויף וועלכען מ'זאל איהר קענען אנווייזען?

מיט פופציג יאהר צוריק, בעת די פאגראמען און דער בהלה פון די אכציגער יאהרען איז די לאגע געווען בעסער ווי זי איז איצט; זי איז געווען אפ־שר נישט קיין סך לייכטער אין יענע ערטער, וואו יודען האבען זיך געפונען און וואו ס'איז געלעגען אי בער זייער האלז דער חלף פונ'ם פאגראמשטשיק, אבער — דער „מערב־גרענעץ איז געווען אפען".

מ'האט געקענט אנטלויפען, מ'האט זיך גע־קענט ראטעווען.

זענען די „בילויצעס" געפאהרען קיין ארץ־ישראל, „עם־עולם" — קיין אמעריקע, און איינאיי־נעם מיט זיי און נאך זיי זענען געלאפען טויזענדער, און ס'האט זיך אנגעהויבען פאר זיי א נייע לעבען, א קליינעם ישוב אין ארץ־ישראל און א גרויסען — א ניי שאפען, זיי האבען זיך געשטעלט בויען: אויף דער אנדערער זייט ים.

די האבען זיך אליין געהאלפען —און מעדר ווי דאס, זיי זענען געווארען א שטיף־פונקס, א קוראל פון האפענונג פאר אלע מזרח־אייראפעאישע יודען.

ס'האט זיך אנגעהויבען א נייע עפאכע אין דער יודישער געשיכטע.

ס'האט פון דאס ביי געכשופט דער חלום פון א יודיש לאנד, און ס'איז געבוירען געווארען די ווירקליכקייט פון א נייעם מעכטיגען יודישען צענטער דעם יודישען צענטער אין אמעריקא.

ס'איז צוגעשיקט געווארען א רפואה צו דער מכה, איצט איז די מכה גרעסער, געפעהרליכער, — און קיין רפואה איז נישטא.

די איצטיגע ארדנונג שמייסט אונז אלעמען מיט צוויי בייטשען, קיין ארבייט, קיין זיכערקייט אויפ'ן ארט גיט זי נישט, און אז מ'וויל ערגעץ פאה־רען, אז מ'וויל אנטלויפען, איז נישטא וואוהין אר־דער — מ'לאזט נישט.

די וועלט איז איינגעטיילט געווארען אין ש טיי־גען, אין פערשלאסענע קאמערען, מיט אייזערנע גראטעס אויף די פענסטערס, מיט וועכטער־ס ביי די טיר־ען, ווי א תפיסה, ניין, ווי אמשוגעים־הויז, א־בער דארטען גיט מען עסען די פערשפארטע, און דער „פרייער" וועלט ביזטו פריי צו עסען אדער אויסצוגיין פון הונגער, באר איין זאך לאזט מען דיר נישט — אזוי ווי אין יעדער אנדער תפיסה, אזוי ווי אין יעדער אנדער אנשטאלט פאר גייסטיג־קראנקע — מ'לאזט דיר נישט אנטלויפען...

די בעסאראבער יונגעלייט — די זעקס פער־יאושטע יונגעלייט האבען געוואלט זיך ראטע־ווען, ארויסגנבענען זיך — האבען די בעקומען זיי־ער שטראף...

די יודישע און ליבעראלע פרעסע שטורעמט אבער די לאגע וועט עס אויף א האר נישט ענ־דערען, די גרעניצען וועלען בלייבען און דער מצב אויפ'ן ארט וועט ווערען פון טאג צו טאג ערגער. סיידען עס וועט געשעהן א נס. אויב קיין וואונדער

וואס דארף געבען די ענטוואפנונגס־קאנפערענץ?
מיינונגען פון אנגעזעהענע פאליטישע טוער

אין צוזאמענהאנג מיט דער ערעפנונג פון דער אינטערנאציאנאלער ענטוואפנונגס־קאנפערענץ אין גענף האט א גרויסע אייראפעאישע פרעסע־אגענטור דורכגעפיהרט אנ'אנקעטע מיט א רייה מלוכה־מענער וועגען דער שטעלונג פון זייערע רעגירונגען אין דער פראגע פון דער ענטוואפנונג.

דער פוילישער

אויסערן־מיניסטער זאלעסקי

האט ערקלערט:

אויב די קאנפערענץ וועט זיך ענדיגען גינסטיג וועט דאס זיין א וויכטיגער עטאפ אויפ'ן וועג צו פערווירקליכען דעם אלגעמיינעם שלום. מען דארף זיך אבער אפגעבען א דין וחשבון, אז די קאנפערענץ וועט נאר דעמאלט האבען ערפאלג, ווען די פעלקער וועלען זיין זיכער, אז געבענדיג זייער הסכמה פאר דער ענטוואפנונג, שטעלען זיי נישט איין סכנה זייער אייגענע זיכערקייט.

מיג. זאלעסקי האלט, אז די בעסטע גא־ראנטיע פאר'ן שלום איז די דורכפיהרונג פון מא־ראלישער ענטוואפנונג און אנ'ארגאניזירטע געגענ־זייטיגע הילף געגען אנפאלער.

דער ענגלישער

פרעמיער מאקדאנאלד

האט געזאגט:

נאך דער מלחמה האבען זיך די פעלקער בעוואפענט פון קאפ ביז צו די פיס. די אייגענע סטריע איז איבערלאסטעט א דאנק די בעוואפנונגען, וועלכע זענען דערפיהרט געווארען ביז צו אנ־אבסורד און וועלכע גיבען נישט קיין זיכערקייט נישט די בעזיגטע, נישט די זיגערס.

דער קינפטיגער דור וועט שוין נישט האבען די עקפאהרונגען פון פריהערדיגען קריג. דער דור וועט נישט האלטען דעם קריג פאר עפעס שרעק־ליכעס. אט דער דור וועט ארומרינגלען מיט א ראמאנטישען רוהם אינזערע העלדען פון די פער־בלאטינטע אקאפעס. מיר קאנען די דאזיגע גענע־ראציע אפהיטען פאר די ליידען נאר דעמאלט, ווען דורך טאטען וועלען מיר גאראנטירען פאר דער מעגליכקייט צו איבערחזר'ן אונזערע פעהלע־רען. דעריבער טאקע קוקען מיר מיט געוויסע פאר־בעהאלטען אויף די פאמעלעכדיגע פארטשריטען פון דער ענטוואפנונג.

דער גוועזענער פראנצויזישער

קריגס־מיניסטער פענלעווע

האט ערקלערט:

„ענטוואפנט זיך, ענטוואפנט זיך אינגאנצן, נישט מורא האבענדיג פאר די פאלגען, דאן וועט איהר זיכערען דעם שלום", אט אזוי זאגען מאנכע אנהעגער פון ענטוואפנונג אין זיי ווייזען דערביי אן אויפ'ן בייספיל פון די פעראייניגטע שטאטען. מען מוז אבער בעמערקען דעם פערכישופטען קרייז, וואס וואלט געווען דער פועל יוצא פון דער דא־זיגער טעזע פון פולשטענדיגער און באלדיגער ענטוואפנונג. אויב די מלוכות, וואס האבען דאך נאך אלץ טראבערישע אמביציעס, וועלען האבען די זיכערקייט, אז אפילו געגען די ערוסטע אג־פאלען קאן מען זיך נישט אנטקעגנשטעלען, דאן וועט מען זיי אויף דעם אופן נישט בעוועגען, זיי זאלען זיך אויף שטענדיג אפזאגען פון טראבערונגען.

דער פארשטעהער פון איטאליען

שיאלאיא

האלט, אז די שווערסטע פראגע אין דעם ענין פון ענטוואפנונג איז די פראגע פון קאנטראל, ער זאגט:

איך האלט, אז דער בעסטער קאנטראל קאן דורכגעפיהרט ווערען נאר דורך א קאנטראל פון בודזשעט, עס איז לייכט צו מאסקירען מיליטערישע ארגאניזאציעס אונטער דעם מאנטעל פון ספארט־געזעלשאפטען, פיל שווערער איז אבער צו זשאנ־גלירען מיט ציפערען, אויב פינאנציעלע עקספער־טען קאנען אריינקוקען אין די חשבונות פון פינאנץ־מיניסטעריום.

דער פארשטעהער פון דייטשלאנד,

רייכסוועהרמיניסטער גרעגער

האט ערקלערט:

דייטשלאנד האט דאס רעכט צו בעהאנדעלט ווערען פונקט אזוי ווי אלע אנדערע מלוכות. דייטשלאנד האט דאס רעכט אויף דער זעלבער זיכערקייט און די זעלבע ענטוואפנונגס־מעטאדען. אין יאהר 1919 האט מען בפירוש פערזיכערט דייטשלאנד, אז אנדערע לענדער וועלען געהן מיט דעמזעלבען וועג, אויף וועלכען דייטשלאנד איז געגאנגען דורך איהר באלדיגער ענטוואפנונג, דייטשלאנד געהערט צום פעלקערבונד. דער ארט. 8 פון פעלקערבונד־פאקט גאראנטירט אלע פעלקער זייער זיכערקייט. דער ציל פון דייטשלאנד אויף דער ענטוואפנונגס־קאנפערענץ וועט דעריבער זיין ווידער צו געווינען איהר נאציאנאלע זיכערקייט.

דער „אייזערנער פראנט אין דייטשלאנד"
ארגאניזאציע פון 7 מיליאן מאן אין קאמף געגען היטלעריזם

מיט'ן וואוקס פון דעם היטלעריסטישען איינפלוס און געפאהר אין דייטשלאנד איז אלץ רייפער געווארען דער געדאנק וועגען שאפען א מעכטיגע ארגאניזאציע, וואס זאל קענען זיך אנטקעגענשטעלען דעם האפערדיגען און ווילדען פאשיזם פון די האקענקרייצלערס. דער געדאנק איז ענטשטאנען גלייכצייטיג סיי אין רעפובליקא־נישען מיליטערישען רייכסבאנער, סיי אין די רייהען פון דער דייטשער סאציאל־דעמאקראטיע. איצט האט דער געדאנק אנגענומען קאנקרעטע פארמען: עס איז געגרינדעט געווארען „אנ'אייזער־נער פראנט" געגען פאשיזם. עס איז געשאפען געווארען א מין פערבאנד פון די פערבאנדען אין וועלכען עס זענען איין די סאציאל־דעמא־קראטיע, די סאציאליסטישע ספארט־ארגאניזאציעס, דער רייכסבאנער, די שוץ־אפטיילונגען, וואס זענען אויסגעטיילט געווארען פון די סאציאליסטישע יוגענד־ארגאניזאציעס און וועלכע זענען שהנליך געבויט צו די בעוואפענטע אפטיילונגען פון די האקענקרייצלער. אין רעזולטאט איז געשאפען געווארען א פעראייניגונג, וואס נעהמט ארום העכער זיבען מיליאן מענער, פון זיי זענען עטליכע הונ־דערט טויזענד ארגאניזירט אין אפטיילונגען און עטליכע מיליאן זענען אדורכגעגאנגען די שולע פון די פראפעסיאנעלע פעראיינען. א בעדייטענדער טייל פון די לעצטע האבען אנטיילגענומען אין וועלט־קריג. אין די נאהענטסטע טעג וועלען אר־גאניזירט ווערען נאך עטליכע הונדערט טויזענד מיטגלידער פון דער נייער שוץ־ארגאניזאציע און זיי וועלען אריין אין די רייהען פון דעם „אייזער־נעם פראנט".

אויב מיר איין זייט וועט אט די גאנצע מאסע אין א גיווינער היגזיכט זיין מיליטאריזירט, ווערט פון דער אנדערער זייט שוין געמאכט די גיהעריגע צוגרייטונג פאר אנ'אנטי־פאשיסטישער פראפאגאנדע אין דעם ברייטסטען מאסשטאב. אין די בלעטער שרייבט מען וועגען ריזענטער פער־זאמלונגען, וואס זענען איינגעארדענט געווארען דורך די היטלעראווצעס, דערביי ווערט די צאהל 5000 פערזאמלונגען אין משך פון איין חודש אנגענומען פאר א בעוויין פון דער אונגעהויערער אקטיוויטעט פון די היטלער־לייט. יעדענפאלס איז די דאזיגע צאהל בלאס אין פערגלייך מיט דער צאהל פערזאמלונגען, וואס בעוויין די אקטי־וויטעט פון דער נייער ארגאניזאציע, וועלכע האט אין משך פון צוויי וואכען איינגע־ארדענט אין בערלין 500 און אין בראנדענבורג 400 פערזאמלונגען. אויב מען זאל די ציפערען נעהמען אין מאסשטאב פון גאנץ דייטשלאנד, וועט זיך ארויסווייזען, אז די אקטיווקייט פון אייזער־נעם פראנט וועט לויט דער צאהל פערזאמלונגען נעמאסטען ווערען נישט אין די טויזענטער, נאר אין די צעהנדליגער טויזענטער. אבער דאס וויכ־טיגסטע איז, וואס די פראפאגאנדע פון „אייזער־נעם פראנט" הויבט, ווייזט אויס, אן צו מוטיגען דעם געפאלענעם גייסט פון דייטשע בירגער און וואס נאך וויכטיגער איז — די מאסען אפא־ליטישע ארבייטער. די פערזאמלונגען פון אייזער־נעם פראנט" האבען זעהר א גרויסען ערפאלג ביים דאזיגען עלעמענט.

ענדליך דארף מען נאך דערמאנען וועגען דער אקטיווער פראפאגאנדע פון די פראפעסיאנעלע פעראיינען, וועלכע גרייטען צו זייערע מיטגלידער צום געדאנק פון אנאלגעמיינעם שטרייק אין פאל, ווען די פאשיסטען זאלען פערכאפען די מאכט. אויף וויפיל די פעראיינען וועט אין קריטישען מאמענט געלינגען צו פערוואנדלען די דאזיגע אידעע אין טאט, איז איצט שווער צו זאגען, יע־דענפאלס זענען מיר עדות פון אנ'אינטערעסאנטען פרוב צו שטעלען אנ'אקטיווען ווידערשטאנד היט־לערן און דער דייטשער רעאקציע. עס איז נאך פריהצייטיג צו רעדען וועגען זיג פון „אייזערנעם פראנט", אינטערעסאנט איז דאס. וואס די שאפונג זיינע האט אויפגעמונטערט דאס פאליטישע לעבען פון לאנד, האט אויפגעלעבט דעם אינטערעס צום קאמף געגען פאשיזם.

אויפגאבען פון דער יודישער ארבייטס־געמיינשאפט אין דייטשלאנד

בערלין (יט"א) דער צוזאמענשלוס פון אלע יודישע ארגאניזאציעס אין דייטשלאנד פאר געמיינזאמער בעהאנדלונג פון ברענענדע ווירטשאפטליכע און סאציאל־פאליטישע פראבלעמען איז, ווי מיר האבען שוין טעלעגראפיש מיטגעטיילט צושטאנדגעקומען. שבת, דעם 30־טען יאנואר איז לויט דער איינלאדונג פון פערבאנד פון די יודישע קהלות אין פריימען פארגעקומען אונטער'ן פארזיץ פון אינוש. ברונא ווא־ירא א בעראטונג מיט'ן אנ־טייל פון די בעדייטענדסטע יודישע ארגא־ניזאציעס אין דייטשלאנד מיט'ן "צענטראל־פעראיין" און דער ציוניסטישער פעראייניגונג בראש. אויף וועלכער עס איז געגרינדעט געווארען די ארבייטס געמיינשאפט פאר ווירטשאפטס־פראגן פון די יודען אין דייטשלאנד.

אזוי ארום איז געשאפען געווארען א קער־פערשאפט, וואס וועט ערלויבען צו פערמיידען די אינערליך־יודישע נעגענזאצען און אונפראדוק־טיווע רייבונגען, כדי מיט פעראייניגטע קרעפטען צו געפינען פראקטישע מיטלען, ווי אזוי צו לינדע־רען די יודישע ווירטשאפטליכע נויט דורך פלאנ־מעסיגער ווירקונג און צוקונפטיגע בערוף־איבער־שיכטונג. אלס פאכמענער זענען צו דער ארבייטס געמיינשאפט קאאפטירט געווארען צוו. אנד. אויך שטאטס סעקרעטער פראפ. הירש, ד"ר יעקב סעגאל פריץ נאפטאלי און יעקב לעשטשינסקי.

עס איז זלייך אנגענומען געווארען א געהעריג ארבייטס־פראגראם. עס איז בעשלאסען געווארען אנצוקניפען א שטענדיגען קאנטאקט סיי מיט די אונטערנעהמער און סיי מיט די אנגע־שטעלטע פון אלע ווירטשאפטס־צווייגען, כדי פעסטצושטעלען די בערופס־אויסזיכטען פאר יודען.

ווייטער איז בעהאנדעלט געווארען די פראגע פון פונאנדערבויען דעם יודישען ארבייטס־פער־מיטלונגס וועזען. רערביי זאל זיך האנדלען נישט נאר וועגען פערמיטלען נאר אויך וועגען אויס־געפינען און שאפען נייע ארבייטס־פלעצער. עס וועט אויך געשאפען ווערען א צענטראליזירטער ארבייטס־פערמיטלונגס־אמט פאר יודישע אקאדע־מיקער.

Dr. med.

W. Eychner

אקושעריע און פרויען־קראנקהייטען

וואוינט איצט 4 צעגעלניאנא 4

(נעבען קינא „משאריי") טעל. 72־134

נעהמט אן פון $2\frac{1}{2}$ – 4 און פון 7 – 8 אווענד.

וועלען נישט געשעהן, וועלען מענשען ווייטער לוי־פען צום גרענעץ און גרענעץ־וועכטערס וועלען ווי־טער שיסען...

אויף פערשלאסענע גרעניצען שיסט מען פערפאלען! נישטא קיין מיטלען געגען דעם, חוץ איינעם — עפענען, אפשאפען דעם גרענעץ. אדער: געבען די מענשען אויפ'ן ארט ארבייט, ברויט.

אבער ס'איז נישטא ווער ס'זאל אנווענדען אט דעם מיטעל, די, וואס קענען, ווילען נישט, און די, וואס ווילען, קענען נישט.

אין דאס, וואס איז געשעהען אין סאראקע, אויפ'ן רומעניש־סאוויעטישען גרענעץ, נישט קיין טראגעדיע פון פשוטע זעקס יונגעלייט, ס'איז א סך מעהר, ס'איז — אין מיניאטור — די דראמע פון א וועלט!

ש. ניגער.

צוויי שמחות אין ארץ-ישראל

אמעריקאנער בויען ארבייטער-קאלאניעס.—די אויפבוי-ארבייט פון דער גרופע „חירות״ און פון דער געזעלשאפט „אחוזה״.—אראבער בעטייליגען זיך אין דעם יודישען יום-טוב און בראטען א שעפס פאר דער דאזיגער גרויסער סעודה

עס האט זיך אזוי צופעליג געטראפען, אין פאלעסטינא האט מען געפייערט 2 שמחות אין איין וואך.

וואס איז די שמחה? מען האט געענדיגט פלאנצען די ערשטע 200 דונאם (50 אקער) אראנדזשעס פאר א גרופע ארבייטער, פאר דער גרופע „חירות״. מען האט געענדיגט גראבען דעם ברונעם, און עס איז פערהאן וואסער צום בעוואסערען דעם גארטען. איז דאס נישט קיין פרייד?

עס רעדט זיך דא נישט וועגען גרויסע קאפיטאליסטען, וואס זוכען אנ'ארט, וואו צו פערווענדען זייערע קאפיטאלען, אום צו בעקומען גרויסע דיווידענדעס, אט האט א גרופע פון נישט פערמעגליכע מענשען, ארבייטער אין אמעריקא, אדער געוועזענע ארבייטער, ארימע מענשען, זיך ארגאניזירט און בעשלאסען יעדען אפגעשפארטען גראשען צו אינוועסטירען אין א שטיקעל לאנד אין פאלעסטינע. און אין פערלויף פון עטליכע יאהר וועט די אפגעשפארטע געלדער ווערען א קליינע ווירטשאפט, וועלכע וועט דערנאך קענען ערנעהרען א פאמיליע וואס ארבייט אליין.

די איניציאטיווע איז געקומען פון דער „הסתדרות״, די סאציאליסטישע געווערקשאפטען אין פאלעסטינע.

די ערשטע גרופע פון „חירות״, 20 חברים, האבען געענדיגט פלאנצען די ערשטע 200 דונאם לאנד. די ארבייט ווערט געמאכט דורך דער הסתדרות'ישער אונטערנעמונג „יכין״, וועלכע נעמט אויף זיך צו בעארבייטען בארדענס און צוגרייטען א פלאנטאציע, א גארטען, ביז עס גיט פרוכט! די גאנצע ארבייט ווערט געמאכט אויף דער פעראנטווארטליכקייט פון „יכין״. מען קען זיין זיכער, אז די ארבייט וועט געמאכט ווערען ראיעל, אז די פלאנטאציע וועט געלינגען, אז עס וועט נישט קאסטען קיין איבעריגע הוצאות. „יכין״ האט זיך ערווארבען א גוטען נאמען אין לאנד, און ער בעארבייט טויזענטער דונאם בארדען.

די ארבייטער פון „יכין״ האבען פעראנשטאלטעט דעם יום טוב.

(א בריף פון פאלעסטינע)

די ארבייטער, וואס גרייטען צו דעם בארדען פאר זייערע חברים פון אמעריקע וועלען אליין מיט דער צייט זיין שכנים פון דער אמעריקאנער גרופע „חירות״. זיי וועלען זיך אויך בעזעצען דא אויף קליינע שטיקלעך בארדען און אויך האבען קליינע ווירטשאפטען. די שטענדיגע ארבייט ביי די דאזיגע פלאנטאציעס פון „חירות״ גיט טאקע די ארבייטער די מעגליכקייט פאר דער צייט אויך צו זארגען פאר זייער אייגענער ווירטשאפט אין דער צוקונפט. זיי רופען זיך אויך „חירות״, — פאלעסטינער חירות; זיי זענען אויך ארגאניזירט אין א גרופע, וואס שטרעבט צו בעזעצען זיך אויפ'ן בארדען.

דער בארדען געהערט דעם קרן קימת לישראל, דעם נאציאנאל פאנד. ער האט דער גרופע „חירות״ געגעבען דעם בארדען אין איביגע ארענדע. אין פערלויף פון 5 יאהר דארף מען איינצאהלען געוויסע סומען, אין אנהייב מעהר, שפעטער ווייניגער, און דערנאך הויבט אן די פלאנטאציע צו געבען פרוכט.

צעהן דונאם פלאנטאציעס און א שטיקעל בארדען פאר גרינס און א הויז און א שטאל קענען געבען א מעגליכקייט פאר אנ'ארבייטער פאמיליע שטעהן צו עקזיסטירען — ארבייטען און געניסען פון דער ארבייט.

פאלעסטינע קענען בויען נישט נאר גרויסע קאפיטאליסטען, נאר גאנץ אייגפאכע יודען, וואס ווילען האבען פאר זיך א זיכערע עקזיסטענץ, נישט זוכען קיין גרויסע גליקען, נאר פיהרען א רוהיגען שעהנעם לעבען. אבער נאטירליך, נישט דורך קיין לופט-געשעפטען און ספעקולאציעס, נאר דורך פיזישער ארבייט, לויט די כוחות.

אין א סוכה „אויסגעבויט״ פון אויקאליפטוס (אזא בוים) צווייגען אין דער קאלאניע כפר סבא, (נישט ווייט פון אט דער קאלאניע געפינט זיך דער בארדען פון „חירות״) האבען זיך פערזאמעלט די ארבייטער פון „יכין״.

מ'האט גענומען א גלעזעל וויין, געזאגט עטליכע ווערטער וועגען דער וויכטיגקייט פון דעם איצטיגען פערזוך.

פערשטעהט זיך, אז נאך דעם, ווי מען האט גענומען א גלעזעל וויין און „גוטע זאכען״, האט מען זיך אביסעל צוזונגען און געכאפט א טענצעל שפעט אין פרייטאג צונאכט אריין.

און אט איז א צווייטע שמחה:

מיט עטליכע יאהר צוריק האט זיך אין ניו-יארק געגריגדעט א געזעלשאפט מיט דעם נאמען „אחוזה״ פון מענשען, וואס ווילען זיך בעזעצען אין פאלעסטינע. דאס זענען געווען מענשען פון פערשידענע ריכטונגען — פראסטע מענשען, קליינע אייגענטימער, רבנים און פריידענקער. די מענשען זענען געווען ווייניג פערמעגליכע. מיט א יאהר צוריק האט אט די געזעלשאפט געקויפט 9000 דונאם בארדען, וועלכע בעלאנגען צו 300 מיטגלידער. זיי האבען אויסגעקויפט דעם דארף „רעננה״. איין דריטעל פון זיי געפינען זיך שוין אין לאנד און וואוינען שוין אין רעננה. די געזעלשאפט „אחוזה״ גרייט צו דעם בארדען פאר די מיטגלידער, וואס זיצען נאך אין אמעריקע. די ארבייט ווערט געמאכט דורך „יכין״.

פערשטעהט זיך, אז די געזעלשאפט שטעהט אויף דעם פרינציפ פון ארגאניזירטער יודישער ארבייט.

אין רעננה האט מען שוין אויסגעבויט א היבש ביסעל ווירטשאפטען. די אייגענטימער פון בארדען, וואס זיצען שוין אויף זייערע פלעצער, צעהלען ביי היינטיגען טאג 300 נפשות אין 130 הייזער. פערהאן אין רעננה נאך א 300 נפשות ארבייטער, בעלי מלאכות, א. א. וו. עס איז אויך אינטערעסאנט, אז צווישען די קאלאניסטען פון רעננה געפינען זיך איינציגע פאמיליעס פון רוסלאנד און פוילען, וואס זייערע קרובים אין אמעריקע האבען פאר זיי געקויפט די ווירטשאפטען.

דער איטאליענישער באקסמייסטער, וועלכער וועט דעם 5-טען פעברואר אויפטרעטען אין בערלין געגען באקסער גיריגג.

רעננה האט אנ'אייגענע שולע, א בית מדרש, א קינדערגארטען, א פאלקס-הויז, און עס האלט זיך ביים ענדיגען בויען די געביידע פון אנ'ארבייטער-הויז.

האט אבער די געזעלשאפט „אחוזה״ נישט גענוג בארדען פאר אלע איהרע מיטגלידער דא אין רעננה. די געגענט איז דא בעזעסען. עס איז נישט ווייט פון כפר-סבא. קיין נייעם בארדען איז דא נישט מעגליך צו קויפען, וואס טוט מען?

האט זיך די געזעלשאפט אוועקגעלאזט קויפען בארדען אין א צווייטען ווינקעל, נעבען דער אלטער היסטארישער אקאדעמיע יבנה, צווישען דער קאלאניע גדרה און דער ניי אויפגעבויטער קאלאניע באר-טוביה, זי האט דא געקויפט 5000 דונאם בארדען און האט היינטיגע וואך געמאכט א חנוכת-הבית. מען האט אנגעהויבען בויען א נייע קאלאניע וואס הייסט „גן יבנה״.

דא וועלען זיך בעזעצען 200 משפחות, וואס וואוינען נאך דערווייל אין אמעריקע. איז געווען א יום טוב, צוליב דעם אנפאנג פון בויען. מען האט געלעגט דעם פונדאמענט פון די ערשטע הייזער, און מען האט אנגעהויבען גראבען דעם ברונעם, אין פערלויף פון היינטיגען ווינטער וועלען דא געבויט ווערען 15 הייזער. „אחוזה״ גרייט אויך צו די ווירטשאפט. דאס געלד דארף אריינגעטראגען ווערען אין 5 יאהר צייט. די סומע, וואס מען דארף אריינטראגען, איז ביי 600—800 פונט.

עס איז אינטערעסאנט צו בעמערקען דא וועגען די בעציהונגען מיט די אראבער אין דעם פלאץ. ווען מען האט געלעגט דעם ווינקעלשטיין צום ערשטען הויז, האבען די אראבער, די שכנים, געמאכט א מאהלצייט און אפגעבראטען א שעפס פאר די געסט פון דער „אחוזה״, די בעזארגען אויך די וואסער צום בויען די געביידעס.

דער מופתי (הויפט-גייסטליכער ביי די אראבער) האט טאקע גרויס פעראיבעל אויף זיי, פאר וואס זיי פערקויפען דעם בארדען צו יודען און האלטען נאך אן פריינדליכע בעציהונגען זיי, אבער זיי מאכען זיך דערפון אקליינעם צימעס, ווייל בינו לבינו פערדינען זיי פון דער יודישער קאלאניזאציע פיל מעהר, ווי פון דעם מופתי'ס פאטריאטיזם.

י. שפינעלמאן.

סענסאצ. אנקלאגע,

אז איהר מאן לעבט מיט זיין 8-יאהריגע אדאפטירטע טאכטער

מיט עטליכע טעג צוריק איז אין דער דריטער בריגאדע פון ווילנער אויספארשונגס-אמט געקומען אנ'עלעגאנט געקליידעטע פרוי און געמאכט פאלגענדע מעלדונג:

זי הייסט ש. ג. מיט איהר מאן האט זי נישט געהאט קיין קינדער און דעריבער האבען זיי מיט עטליכע יאהר צוריק אדאפטירט א קליין מיידעלע וועלכע איז שוין איצט אלט 8 יאהר. זינט א געוויסער צייט האט זי אבער גענומען בעמערקען, אז איהר אדאפטירטע טעכטערל, וועלכע האט זיך ביז איצט אויסגעצייכענט מיט איהר לעבעדיגקייט און רירעוודיגקייט, איז עפעס געווארען שוויגעוודיג און בלאס. א לענגערע צייט האט זי נישט געוואוסט וואס עס איז די סיבה דערפון, די טעג איז איהר אבער אלץ קלאר געווארען. ס'איז איהר בעמליך געלונגען צו דערגיין אז איהר מאן האט מיט'ן קינד נישט נארמאלע בעציהונגען.

אויפ'ן סמך פון דער פרוי'ס דערקלערונגען איז ג. פערהאלטען געווארען. ער האט געלייקענט שטיין און ביין.

מען האט דאס קינד אפגעשיקט צו א דאקטאר אויף אנ'עקספערטיזע, דער דאקטאר האט פעסט געשטעלט, אז קיין שום געוואלד-טאט איז איבער'ן קינד נישט בעגאנגען געווארען.

די ווייטערע אדורכגעפיהרטע אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט אז ג. האט לעצטענס גענומען פערראטען זיין פרוי מיט א געליבטע און זי האט אויס נקמה אויסגעטראכט אויף איהם א בלבול און דערצו נאך אויסגעלערענט דאס מיידעלע, וואס זי דארף רעדען אין פאליציי.

בעכטען איז ג. בעפרייט געווארען.

דער אלטער מנחם-מענדעל

האט ווידער אויפגעלעבט אין אנטווערפען

(פון אונזער קארעספאנדענט)

איך האב שוין געשריבען די בעדייטונג פון „שענקעל״ אבער דאס איז נאך נישט אלץ, און אז אנטווערפען איז א „עיר מקלט״ איז לכל ידוע — איך וויל אבער אויך נישט אפלייקענען די מעלות פון דעם דאזיגען „שענקל״ וועלכעס געפינט זיך אונטער דער שטרענגסטער אויפזיכט פון א בעשטור (קאמיטעט), האט איהרע אייגענע פאראגראפען און סטאטוטען אזוי ווי דער האנדעל אין דיאמאנט, איז אנ'איינגעשטעלט געשעפט, ס'איז „הרב איש ברעהו״ ס'שמעקט מיט פולווער... מ'קעפט זיך, מ'שמט זיך, מ'שיסט זיך, מ'ווארפט זיך אין וואסער, דערפאר איז יעדער מיטגליד פערזיכערט פאר אנפאל און אל תפתח פה לשטן, שטארבט א מיטגליד חס ושלום ווערט די פרעמיע אויסגעצאהלט זיין ווייב און ווען די אלמנה איז א „אשת חיל״, א סוחרטע, פערשטייט א געשעפט, ווערט זי אויך א מיטגליד מיט אלע פרישטוקעס, האט דאס זעלבע רעכט און פריווילעגיעס ווי אלע אנדערע, איהר זאלט נישט מיינען — ס'איז נישט הפקר פיעטרושקע, באלד ביים אריינגאנג פון דעם „שענקעל״ שטייען די פארטיערען אין גרינע מונדירען מיט גאלדענע קנעפ די הויזען מיט שווארץ-געשטרייפטע לאמפאסען און אויף די היטלען — דעם אפצייכען פון קלוב, ווי אצוים ביי דער קרעטשמע, עד פה תבא... און ווייטער — לא מיט אנ'אלף... א נייער קליענט אצוגעקומענער מוז ווייזען זיין פאס, אז ער איז א פרעמדער, מוז ער האבען צוויי עדות אנשי שם, שונאי בצע, גוטע ברידער פון דערהיים וואס זאלען זאגען אויף איהם א גוט ווארט א „מקצת שבחו״, ווייל נאר פאר פרעמדע איז דערלויבט דייער געלד דא צו פטר'ן, „פאר היימישע, דא לאנג בעזעסענע, — איז אנ'אנדער דין און דאס הייסט: „שלם תשלם״, ווער א מיטגליד און בעצאהל „ז'גורי״, אנדערש איז אבער אין דער „פארטוניא״, — אין פראנצויזיש בעדייט דאס ווארט „פארטוניא״ גליק. ווער עס האט פערלוירען דעם בארדען אונטער די פיס, אראפגעפאלען פון אלע העכערע דיסטאנצען, מיטגעמאכט דעם חורבן בית ראשון - ושני... איז א ליידיג - געהער, און זוכט א שטיקעל לייכטע ארבייט, אביסעל גליק — געפינט דא אויפנאהמע. וויפיל יודישע פרנסות זענען דא צובראכען געווארען און רואינירט, וועלכע טראגעדיעס ווערען אין דער עפענטליכקייט נישט ארויסגעטראגען, זיי ווערען בעגראבען אין דעם אייביגען רויש און געפילדער פון האנדעל און וואנדעל — דאס איז אנ'אייר מקלט בתוך איר מקלט... א פועל יוצא פון די אנדערע גרויסע האנדעלס, א תולדה פון דער אבי אבות הטומאה, וועלכע אונטערליגט נישט קיין קאנטראלע און קאנטריבוציע, ס'איז כמעט קיינעם נישט פעראנטווארטליך... קיין ווארט איז א ווארט, קיין „מזל ברכה״ איז דא נישט גילטיג, ס'איז דא אלץ הפקר פיעטרושקע...

מאכט איינער באנקראט און קאן נישט קומען מיט זיינע גלויביגער צו אנ'אויסגלייך, איז ער פאר די אנדערע קלובען א טמא מוחלט — א געפסלטער, א טריפנער און ביי א „טמא מוחלט״ ווייסט איהר

דאך איז א קורצער פסק דין: „צא לך ממא קראו למו״, קומט ער דאן אריין אין דעם „עיר מקלט שני״, אין דער פארטוניא און דא געפינט ער זיין מקום מנוחה. האט איינער בעגאנגען א פערברעכען א האריבע עבירה, און האט געארבייט אין די „פער באטענע ארבייטס-טעג״, און מ'האט איהם געכאפט, ברוך הבא, ער איז אויך דא... האט איינער א סך אדער גאר א סך מאל געמאכט א ליבקע יעלה, אז ער האט דעם פארטפעל מיט די דימענטען „פערלוירען״ ויהי היום, דער בחור איז דא. א מחיה א לעבען א טייערע זאך די „פארטוניא״, א מקום מוכן לפרעניות, איהר זאלט נישט מיינען אז דאס איז עפעס א קנייפע, א ביערשענק, זעגט איהר נישט בעקאנט אין דער ארכיטעקטור און ביאגראפיע פון דער פארטוניא, מיט איהרע ברייטע טירען און גרויסע פענסטער-שויבען איז זי סיי פון דרויסען סיי פון אינעווייניג א פראכטפולע געביירע. פון דערוויי־טענס דערקענט מען זי אין דעם הויכען טורעמדיגען „ערד-קוגעל״ וועלכער ווערט פון מלאכים אויף זייערע אקסלען געטראגען... ביי די זייטען צום פראנט שטייען צוויי פון מארמאר אויסגעהאקטע פיגורען, „יכתר מלכות בראשם״, די איינע האלט א שנירעל פערל אין דער האנט, די אנדערע א שלייער-ראד אונטער איהר עלנבויגען, אלס סימבאל פון דער דיאמאנט-אינדוסטריע, מיט דער אויפשריפט און גרויסע גאלדענע בוכשטאבען די „פארטוניא״, געווען איז אמאל די פארטוניא גרויס און רייך, געהאט טויזענדער סימפאטיקער און אקציאנערען. האבען אבער אנדערע מקנא געווען די גרויסקייט פון „פארטוניא״ און האבען געווארפען אויף איהר א קנאה שנאה, ס'האט נישט לאנג געדויערט

הנא מקרא יהא טראסקא, מ'האט זי בויקאטירט און אין חרם געלייגט און אז א יוד זאגט ביין איז אוודאי ביין...לאנגע יאהרען איז זי געשטאנען ליידיג, שטיל, איינזאם, „שועלים הלכו בו״, די וועגט האבען געוויינט, זי האט זיך געוואלט מפייס זיין מיט איהרע מיטגלידער, צוגעזאגט גאלדענע בערג, צו זיין גוט און פרום, צו טון וואס דער טאטע און די מאמע הייסט און וואס אלע גוטע פרומע לייט הייסען איהר טון... אבער ס'האט גארנישט געהאלפען. א יוד האט א הייליגען „ביין״ געזאגט. און דא האט דער „עגל הזהב״ געהאט א גרויסען כח און א שטארקן ווירערשטאנד — מ'האט געטון כל'ערליי התפעלות ווידער לעבעדיג צו מאכען, געקומען אנ'אנדערע פערוואלטונג אויפגענומען פרישע מיטגלידער, פון זיי גענומען פרישע שטייערען געגען קוויטאנציעס. אבער אומזיסט איז געווען די ארבייט און מיט דעם „חרם״ אויף דער פארטוניא, איז אויך געווען חל אויף די מיטגלידער פון די אנדערע קלובען, וועלכע האבען בעטרעטען די שוועל פון דער „פארטוניא״. אויף אזוי ווייט איז דערגאנגען די שנאה אז מ'האט געהייסען ממש „לא יבוא ממזר בקהל ישראל״, און ווער ס'איז אויבען אדורכגעגאנגען האט געהייסען א ממזר אנ'אויסוואורף, א שטריק-ברעכער. אבער היינט אין דער שלעכטער צייט? דאס רעדעל האט זיך איבערגעדרעהט עליונים למטה „תחתונים״, למעלה, ווען דער דימענט איז געווארען ביליג, די פארטפעלען ליידיג, ס'רוב באנקראטירט, דער כוח פון די גרויסע קאפיטאליסטען איז שוואכער געווארען, א טייל פון זיי, ווי בלעטער פון בוים אפגעדארט, אוועקגעפאלען. האט מען געהאלטען עצות, געזוכט אנ'אויסוועג, וועלכע האבען געפונען זייער לאזונג אין דעם „תחית המתים״ פון דער אלטער מיוחסדיגער „פארטוניא״.

שמואל האלענדער.

—חזון—

קלעפסידרעס

צו זעהר ביליגע פרייזען

בעהמט אז די דרוקעריי פון

„נייעם פאלקסבלאט״

די קלעפסידרעס ווערען אין משך פון 1 שעה אויסגעפערטיגט

און פונאנדערגעשיקט איבער דער שטאט.

רעכט און לעבען

יורידישע בײַלאַגע פון „נײַעם פאָלקסבלאַט"

שטראָפבאַרקייט פאַר ריכוועס

דער אַלגעמיינער איצט־הערשענדער, ממש קאַטאַסטראָפאַלער געלד־מאַנגעל, שאַפט אַ פרוכטבאַרען באָדען פאַר דער הויטשיגדערישער טעטיגקייט, פון כלערליי פראַצענטניקעס און ליכוואַרזשעס.

האַלטען מיר טאַקע פאַר נויטיג כאָטש אין אַל געמיינע שטריכען אויפצוקלערען, וואָס הייסט דאָס אַזוינס ליכווע, און ווי אַזוי רעאַגירט געגען דער דאָזיגער פערברעכערישקייט, אונזער שטראָפליכע געזעצגעבונג.

ליכווע געהער אַלזאָ, צו דער קאַטעגאָריע אַזוי גערופענע פערמעגענס־פערברעכענס און איז איינע פון די פיל פאָרמען פון אַ פשוטע גזלה, נאָר אונטער אַ בעהאַלטענעם מאַנטעל פון אַ ציוויל־רעכטליכע התחיבות. בכלל גענומען הייסט ליכווע: באָרגען געלד אויף צו הויכע ציגזען, „צו הויכע ציגזען" איז אָבער אַ גאַנץ עלאַסטישער בעגריף, דאָס אַנער קענען אָפּגערעדטע ציגזען פאַר צו הויכע, איז אָפּהענגיג פון כאַראַקטער פון דער געשלאָסענער טראַנזאַקציע און פון אַ גאַנצע רייה אַנדערע בעדינגונגען, אַלענפאַלס דאַרף מען געדענקען, אַז אויב די יעהרליכע ציגזען בעטרעפען נישט מעהר, ווי אַנ'אַכטעל טייל פון דער געבאָרגטער סומע, קאָן מען זיי בשום אופן נישט בעצייכענען אַלס צו הויכע.

איבריגענס קאָן דאָס נעהמען הויכע ציגזען בלויז אַליין אויך נישט קוואַליפיצירט ווערען פאַר אַ שטראָפבאַרע ליכווע, דערצו איז נויטיג איינער פון די צוויי פאָלגענדע גרונד־בעדינגונגען: 1) אַז דער בעל־חוב זאָל זיך געפינען אין אַ געדריקטער לאַגע און די בעקומענע הלוואָה דאַרף איהם פון אַט דער שווערער לאַגע אַרויסהעלפען, און וועגען די דאָזיגע בידע אויסגערעכנטע אומשטענדען, זאָל דער קרעדיטאָר אויסגעצייכענט וויסען, די שלעכטע לאַגע פון בעל־חוב דאַרף אין דעם פאַל נישט אומבעדינגט זיין קיין דויערנדע, ס'איז גענוג, אַז זי איז בלויז אַ ציימווייליגע, אָדער 2) אַז דער קרעדיטאָר זאָל זיך פראָפעסיאָנעל פערנעהמען מיט ערטיילען הלוואות אויף הויכע ציגזען און די הויכע ציגזען זאָלען אונטער פערשידענע פיקציעס ווערען אויסבעהאַלטען. אין דעם פאַל איז שוין נישט נויטיג צו בעווייזען די שווערע מאַטעריעלע לאַגע פון בעל־חוב, פונקט אַזוי ווי אין ערשטען פאַל איז נישט נויטיג צו בעווייזען, אַז דער קרעדיטאָר בעשעפטיגט זיך מיט ערטיילען אַזעלכע הלוואות פראָפעסיאָנעל. עס איז נאָך פערהאַן אַ פאָרם פון ליכווע בעמליך: ווען עמיצער בעהמט איבער אַ ליכווע־התחיבות און גייט אויפמאָהנען דעם חוב, הגם דער זעלבער פערזאָן האָט זיך אין שליסען די ליכווע־טראַנזאַקציע נישט בעטייליגט, קוים האָט ער אָבער געוואוסט, אַז די איבערגענומענע און דורך איהם אויפגעמאָהנטע התחייבות איז אַ ליכוועדיגע, טראָגט ער דיזעלבע געזעצליכע פאַרגעזעהענע קאָנסעקווענצען.

בכלל מוז מען געדענקען, אַז אין אַלע דריי איבענאָנגעוויזענע פאָרמען פון ליכווע, מוז אומבעדינגט דעם קרעדיטאָר קענען פאָרגעוואָרפען ווערען בעוואוסטזיניגע האַנדלונג אין אויסנוצען דעם בעל־חוב לטובת אייגענע מאַטעריעלע אינטערעסען, בכדי צו קוואַליפיצירען אַ טראַנזאַקציע אַלס ליכווע איז אַלץ איינס, צי די ציגזען זענען געגעבען געוואָרען פאַר אַ הלוואָה אָדער פאַר פראָלאָנגירען אַנ־הלוואה און צי דער העל־חוב האָט גענומען די הלוואָה פאַר זיך אָדער פאַר זיין קרוב.

דאַגעגען מוז אָבער די הלוואָה אומבעדינגט זיין אַ געלד־הלוואָה און נישט פון אַנדערע מאַטעריעלע ווערט־זאַכען.

וואָס שייך דער שטראָף־רעפרעסיע פאַר ליכווע זעהט דאָס געזעץ פאָר (אַרט. 608 פון שטר. ק.)) אין אַנ'אָביעקטיווען פאַל (נישט פראָפ. קרעדיטאָר) — תפיסה ביז 1 יאָהר און אַ חוץ דעם אַ הויכע געלד־שטראָף אין אַ סוביעקטיווען פאַל (פראָפעסיאָנעלער קרעדיטאָר) — תפיסה אויף אַ טערמין פון 1 ביז 6 יאָהר.

דערביי מוז מען אָבער געדענקען, אַז פערמשפט פאַר ליכווע קאָן מען ווערען נאָר דעמאָלט, ווען דאָס פערברעכען איז פערענדיגט. פאַר פערענדיגט רעכענט עס זיך מיטן מאָמענט ווען דער ליכווע־אָפּמאַך איז געשלאָסען, פאַר פערברייען — דראָהט נישט קיין שטראָף. דעסגלייכען איז אויך כדאי צו געדענקען, אַז אַ ליכווע התחיבות פערפליכטעט נישט דעם בעל־חוב, דער קרעדיטאָר האָט אַבער נישט דאָס רעכט צוריקצומאָהנען די פאַקטיש געבאָרגטע סומע.

י. אינפעלד

ערלויבנישען פון דער מיליטער-מאַכט
אויף אויסלענדישע פעסער

ערלויבענישען פון דער מיליטער־מאַכט אויף אַנ'אויסלענדישען פאַס דאַרפען פאָלגענדע מיליטער־פליכטיגע פערזאָנען:

1) וועלכע זענען קוואַליפיצירט געוואָרען דורך די פאַבאָר־קאָמיסיעס לויט דער קאַטעגאָריע „אַ". פון מאָמענט פון דערהאַלטען די דאָזיגע קאַטעגאָריע ביז'ן אַריינציהען אין אַקטיווען דינסט ;

2) וועלכע זענען פערבליבען אָדער פערעכענט געוואָרען מחוצ'ן קאָנטינגענט (ביז 25 יאָהר), און

3)) וועלכע זענען אורלאַפירט געוואָרען צוליב ציימווייליגער דינסט־אומפעהיגקייט אויפ'ן סמך פון אַזוי־גערופענער מעדיציניש רעוויזיע.

די אויסגערעכנטע קאַטעגאָריעס פערזאָנען ווערען אַרויסגעגעבען אַזעלכע ערלויבנישען:

1) דורך די קאָמענדאַנטען פון דער פ.ק.או. אויב ס'האַנדעלט זיך וועגען פערזאָנען, וועלכע געניסען פון אַנ'אַדראַטשעניע אַלס איינציגע שפּייזער און זייער רייזע שטעהט אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ טויט - פאַל אָדער קראַנקהייט אין דער משפחה, אָפּעראַציע אָדער קוראַציע־נויטווענדיגקייט, ירושה, געשעפטס, ספּאָרט, בילדונג, אויספלוג, וואַקאַציע, טוריסטיק, קאָנגרעס, צוזאַמענפאָהר אָדער עהנליכען אַזויגערופענעם געלעגענהייטס־ענין, וועלכע געניסען פון אַנ'אַדראַטשעניע צוליב שטודיום. און דאַרפען אַרויספאָהרען בכדי זיך צו בילדען אין אַנ'אויסלענדישע לעהר־אַנשטאַלט אָדער צוליב איינעם פון די שוין פריהער אויסגערעכנטע געלעגענהייטס־ צוועקען. אין אַלע אָנגעוויזענע פאַלען ווערען די ערלויבנישען אַרויסגעגעבען אָהן בעגרענצונג נאָר דעמאָלט, ווען ס'איז נישט פאָרגעזעהען, אַז אין משך פון זיין אָפּוועזענהייט זאָל דער בעטרעפענדער מיליטער־פליכטיגער פערזאָן אַרייגעצויגען ווערען אין אַקטיווען דינסט.

2) דורך די ד. אָ. ק.

אויב ס'האַנדעלט זיך וועגען פערזאָנען, וועלכע געניסען נישט פון קיין „אַדראַטשעניעס" און דער צוועק פון זייער רייזע שטייט אין שייכות מיט איינעם פון די פריהער אויסגערעכנטע געלעגענהייטס־צוועקען ;

דעסגלייכען ערטיילט אויך די ד.אָ.ק. אויסנאַמסווייזע ערלויבנישען אויף אַנ'אויסלענדישען פאַס די איבענאָויסגערעכענטע דריי קאַטעגאָריעס מיליטער־פליכטיגע פערזאָנען, אַלץ איינס, צי זיי געניסען יאָ אָדער נישט פון אַדראַטשעניעס, אויב די פאָהרען אַרויס פון לאַנד צוליב עמיגראַציע־צוועקען און שטעלען האָר אַנ'ענטשפּרעכענדע בעשטעטיגונג דערויף פון עמיגראַציע־אַמט אָדער מלוכהשען אַרבייט־פערמיטלונג־אַמט.

די בקשות וועגען ערלויבנישען אויף אויסלענדישע פעסער מוזען אין בידע פאַלען דערלאַנגט ווערען אין דער אנגעהעריגער פ.ק.או. צו די בקשות דאַרפען בייגעלייגט ווערען די ענטשפּרעכענדע דאָקומענטען וויבאַלד די דערמאָנטע קאַטעגאָריע פער זאָנען ווילען די גילטיגקייט פון זייערע אויסלענדישע פעסער פערלענגערען, מוזען זיי וועגען דעם ווידער דערלאַנגען אין דער זעלבער פ.ק.או. אַ נייע מאָטיווירטע בקשה.

אין פאַל פון אַנ'אָפּזאָג, קאָן מען דערלאַנגען אַ רעקורס צו דער העכערער אינסטאַנץ וועלכע דעצידירט ענטגילטיג.

אין.

אַרבייטס-ביכלער

אין יעדער אַרבייטס־אונטערנעהמונג, וואו ס'זענען בעשעפטיגט מעהר ווי 4 אַרבייטער, מוז מען די אַרבייטער אַרויסגעבען אָפּרעכנונגס ביכלעך.

די ביכלעך ווערען אויסגעפערטיגט לויט אַנ'איינהייטליך־אָנגענומענעם מוסטער און מוזען זיך שטענדיג געפינען ביי די אַרבייטער, בלויז פאַר דער פאַרשטעהענדער אויסצאָהלונג דאַרפען די ביכלעך איבערגעגעבען ווערען דעם אונטערנעהמער בכדי אין זיי צו מאַכען די געהעריגע בעמערקונגען.

אין די דערמאָנטע ביכלעך דאַרפען ווערען איינגעשריבען בלויז די פּרטים, וועלכע האָבען אַ שייכות צו דער אויסגעצאָהלטער שכירות. דאַגעגען איז פערבאָטען אין זיי צו מאַכען וועלכע ס'איז סמנים, אָדער נאָטיצען, וואָס האָבען דעם ציל אויסצוטיילען דעם בעטרעפענדען אַרבייטער פון די איבעריגע בעשעפטיגטע, אין דער זעלבער אונטערנעהמונג, אַרבייטער, אַלץ איינס, צי די דאָזיגע אויסטיילונג ווערט געמאַכט לטובת, אָדער לרעה פון דאָזיגען אַרבייטער, דעסגלייכען איז אויך פערבאָטען צו מאַכען אין די אָפּרעכנונגס־ביכלעך וועלכע ס'איז בעמערקונגען בנוגע דער אויפפיהרונג אָדער פאַך־קוואַליפיקאַציעס פון געגעבענעם אַרבייטער.

אַנ'אָפּרעכנונגס־ביכעל מוז אַרויסגעגעבען ווערען דעם אַרבייטער אין משך פון 7 טעג נאָכדעם, ווי ר'איז אַנגאַזשירט געוואָרען צו דער אַרבייט, פאַר'ן אַרויסגעגעבענעם צום ערשטען מאָל ביכעל, טאָר נישט גענומען ווערען קיין שום בעצאָהלונג.

אין פאַל, ווען אַנ'אָפּרעכנונגס־ביכעל ווערט פערלוירען, אָדער צו שאַנדען, מוז דער אונטערנעהמער תיכף אַרויסגעבען דעם בעטרעפענדען אַרבייטער אַנ'אַנדערס, לויט דער צוריקצאָהלונג פון קאָסטען־פּרייז.

פאַר נישט אַרויסגעבען די אַרבייטער קיין אָפּרעכנונגס־ביכלעך אָדער פאַר אָפּטרעטען וועלכע ס'איז נישט אַנדערע פון די אויבענאויסגערעכנטע בעשטימונגען דראָהט דעם שולדיגען אונטערנעהמער אַ שטראָף אין דער הויך ביז 5 הונדערט זלאָטעס עווענטועל אַרעסט אויף אַ טערמין ביז 2 וואָכען.

י. אַ.

קופּאָן
אויף אַ יורידישער עצה
גילטיג מיטוואָך דעם 3-טען פעברואַר

אַ בעקאַנטער יוריסט

ערטיילט יורידישע עצות

פון 3 ביז 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג אין רעדאַקציע פון אונזער צייטונג, פּיעטריקאָווער 21.

אינטערעסאַנטען דאַרפען מיטברענגען דעם קופּאָן פון „נײַעם פאָלקסבלאַט"

— פון דעם זעלבען טאָג —

אַ טרייער לעזער פון פּיעטריקאָווער 18.

געוועהנליך ווערט אַ טשעק פערעלטערט נאָך די 6 חדשים.

אין אייער פאַל טראָגט דער אויסשטעלער די פעראַנטוואָרטליכקייט לגבי דעם טשעק־בעזיצער איז משך פון 3 יאָהר נאָכ'ן פּראָטעסט.

אַ לעזער פון גדאַנסקע.

וועגען אייער ענין אין אורזשאַנד ראָזיעמטשי מוזט איהר זיך פערזענליך פערשטענדיגען מיט אונזער יוריסט אין רעדאַקציע טעגליך פון 3 ביז 4 נאָכמיטאָג.

רייזער

אין קאָנגרעס־פּוילען זענען אַזעלכע יתומים־געריכטען נישט פערהאַן.

אַ לעזער פון גאָוואָמיציסקאַ.

מיט קלאַוזולעס ווערען פערזעהן אַקטען, וועלכע ענטהאַלטען נאָר איינזייטיגע התחיבות'ן.

אין אייער פאַל איז מיט'ן אַקט פערבינדען געגענזייטיגע התחיבות'ן. ממילא קאָן קיין רייד נישט זיין וועגען אויפמאָהנען דעם חוב אויפ'ן סמך פון אַ קלאַוזול.

געדענקט, יודען!

אז איהר דאַרפט פריהער נישט אונטערנעהמען קיין שום שריט אין אייער רעכטליכען ענין, כל זמן איהר האָט זיך נישט פערשטענדיגט מיט'ן רעכטס־פּובליציסט **י. אינפעלד, לאָדז, פּיעטריקאַ 31**

אויפנאַהמס־שעה'ן טעגליך פון 4—8 אָוו.

שריפטליכע אָנפראַגען קאָן מען אדרעסירען

דאָס שפּיצעל פון אַנזעצער האָט זיך נישט איינגעגעבען
ווייל דער קרעדיטאָר האָט איהם איבערגעשפּיצעלט

סאַלאָמאָן חנופה'ניק איז געווען אָנגעשטעלט אַלס פערקויפער אין דער לאָדזער מאַנופאַקטור פירמע „דרייהונדערל, אביונאָוויטש עט קאָמפּאַני", פון צייט צו צייט האָט ער אויך צוגעהאַנדעלט אויף אייגענעם חשבון.

מיט אַ צייט צוריק האָט סאַלאָמאָן דערשנאַפּט אַז דיינע שעפען גרייטען זיך שוין ווידער אַמאָל צו דערצעהלען זייערע קרעדיטאָר'ען די מעשה פון צווייטען פסוק שיר השירים: איז איהם דעמאָלט איינגעפאַלען אַ געדאַנק, אַז ביי איין און דער זעלבער געלעגענהייט קאָן ער דאָך זיך אויך [illegible] מיטכאַפּען מיט דער קאַראַזעלע.

סאַלאָמאַן האָט דעריבער לאַנג נישט געטראַכט אָנגעפיהלט אַ פאָרטפעל מיט אייגענע און קינדישע אשר יצר'לעך און זיך געלאָזט מיט'ן גאַנצען אימפעט איבער'ן שטעטעל כאַפּען פעקלעך.

פרייערס האָבען נאָך ב"ה קיינמאָל נישט אויסגעפעהלט און אויך אין די היינטיגע קלוגע צייטען פעהל'ען זיי נישט אויס. מ'האָט סאַלאַמאָן געטאַקט פון אַלע זייטען הקפות און ער האָט זיך גוט אַרומגעזעהען צום קאַפּ. איידער דער טערמין פון דער געגעבענער „דעקונג" האָט אָנגערוקט, האָט זיך סאַלאָמאַן אויסגעמאָלדען פון הויז־בוך.

די קרעדיטאָר'ען האָבען אָנגעהויבען איינצורייסען די טירען, פאָדערענדיג אויסצוקויפען די קישקעס (פּראָטעסטען).

סאַלאָמאַנס פרוי האָט זיי אָבער ערקלערט מיט אַ האַרץ רייסענדיג געוויין, אַז דער מאַן האָט זי אוועקגעוואָרפען מיט קליינע פּיצעלעך קינדער און איז ערגעץ ענטלויפען און זי ווייסט נישט וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען.

דער רוב קרעדיטאָר'ען האָבען געגלויבט אין דער דאָזיגער באָבע־מעשה.

ס'האָט זיך אָבער געפונען איינער, אַ געלייטענער אויף אַ גרעסערע סומע, וועלכער האָט געוואוסט, אַז סאַלאָמאַן שלאָפט יאָ אין דער היים און זיצט אַ גאַנצען טאָג אין שטוב, בעהאַלטען אין ערגעץ אַ נעבען צימער, האָט ער נישט געקוקט אויף קיין גליקען, געמאַכט אַ קלאַוזול און זי איבערגעגעבען דעם קאָמאָרניק.

מוז מען דאָך אָבער לויט דער פּראָצעדור אין אַזעלכע פאַלען קודם כל דערלאַנגען דעם בעל חוב אַ נאַקאַז וויקאָנאַווטשי, אַז דער וואָזשנע האָט געבראַכט דעם נאַקאַז, האָט די סאַלאָמאַנאָווע ערקלערט אַז סאַלאָמאַן וואוינט שוין נישט דאָ און דאָס פּאַפּירעל נישט געוואָלט דערהאַלטען, אַזוי אַרום איז די גאַנצע עקזעקוציע־אַקציע געוואָרען פּאַראַליזירט.

דער קרעדיטאָר האָט זיך אַלזאָ געפינען אין אַ שווערע פערלעגענהייט.

מ'האָט איהם אָבער געגעבען פאָלגענדע עצה אַזוי ווי סאַלאָמאַן האָט פערטאַכליעוועט די אַגגעקריגענע סחורה אין קיעלצער געגענד, זאָל ער תיכף דאָרט אַהין אויסזוכען עפּעס אַ בעקאַנטען סוחר, איבערשיקען מיט דער פּאָסט אין זיין נאָמען אויף סאַלאָמאַנס אַדרעס אַ 5 הונדערטער און אין פּאָשטקאָס־אָפּשניט זאָל ווערען בעמערקט, אַז דאָס געלד דאַרף איבערגעגעבען ווערען עפּעס אַנ'אומבעקאַנטען יוד, וועלכער איז אָגב דעם זעלבען קרעדיטאָר'ס אַ קרוב, פערשטעהט זיך, אַז אַלץ דאַרף געמאַכט ווערען פאַר עדות.

דער קרעדיטאָר האָט גענוי אויסגעפיהרט ווי מ'האָט איהם גע'עצה'ט, אַז די סאַלאָמאַנאָווע עפּענדיג די טיר האָט דערזעהען אַ געלט־פּאָסטשטאַליאָן מיט אַ קנאַקענדיגען 5 הונדערטער אין האַנט, האָט זי איהם שוין נישט דערצעהלט דעם פּזמון וועגען מאַנס אַנטלויפען, נאָר זי האָט תיכף אַריינגערופען סאַלאָמאַנען, ער האָט די קבלה אייגענהענטיג בעשטעטיגט, זיי האָבען דעם 500־ער אַראָפּגעלאָזט צו זיך אין קעשענע און וועגען דעם אַז דאָס געלד איז בעשטימט פאַר אַנ'אַנדערען פערזאָן האָבען זיי זיך געמאַכט פערגעסען.

דערווייל האָט דער געלד־אַפּזענדער אויפ'ן קרעדיטאָרס בקשה געמאַכט אַ רעקלאַמאַציע און אַרויסבעקומען אַנ'אָפיציעלע בעשטעטיגונג, אַז סאַלאָמאַן חניפה'ניק האָט די צוגעשיקטע סומע פערזענליך דערהאַלטען. אויפ'ן סמך פון אַזאַ בעשטעטיגונג האָט דער קאָמאָרניק פעראָרדענט איבערצולאָזען דעם נאַקאַז וויקאָנאַווטשי ביי סאַלאָמאַנען אין שטוב.

אין 3 טאָג נאָכדעם איז ווי געוועהנליך געקומען דער קאָמאָרניק און געלייגט אַ זאַיענטשע אויף אַלע שטוב־זאַכען.

סאַלאַמאַנס אשת חיל האָט פערקלאָגט דעם קאָמאָרניק, ביילייגענדיג אַנ'אויסמעלדונגס־שיין און געבעטען, אַז דאָס געריכט זאָל די זאַיענטשע אַראָפּנעמען. דער קרעדיטאָר האָט אָבער אומרוואַרטעט פאָרגעשטעלט די דערמאָנטע בעשטעטיגונג פון דער פּאָסט, אַז סאַלאַמאַן האַלט זיך יאָ אויף ביי איהר אין שטוב.

פערשטעהט זיך, אַז דאָס געריכט האָט די סאַלאַמאַנאָווס תביעה אָפּגעוואָרפען און די זאַיענטשע בעשטעטיגט, סאַלאַמאַן האָט געזעהען, אַז ר'איז מיאוס אַריינגעפאַלען און אַז קיין שום קונצען העלפען נישט, איז ער געקומען צו לויפען צום קרעדיטאָר אויפגעציילט איהם אויף איין טיש דעם גאַנצען שולדיגען חוב צוזאַמען מיט די בעטרעפענדע פּראָצעסער און קאָסטען, צוריקגעגעבען אויך דעם 5 הונדערטער און נאָך צוגעגעבען 50 זלאָטעס אויף אַ וואוילטעטיגען צוועק, אַבי דער קרעדיטאָר זאָל מאַכען אַ שוויג.

אַרגוס.

ניי־ער פאלקסבלאט

דאס לאדזער רעבע

ניי־ער פאלקסבלאט

פעברואר	מיטוואך
זון־אויפגאנג 7.13	כו
זון־אונטערגאנג 4.23	3
	שבט תרצ"ב

„ארט" פאר א פינאנציעלער קאטאסטראפע

די גרויסע סאציאל=עקאנאמישע ארבייט טאר נישט געהן לאיבוד. — די יודישע געזעלשאפט וועט געפינען פערשטענדניש פאר דער וויכטיגער אינסטיטוציע

גרויסע אקציע פאר „ארט" הויבט זיך אן אין לאדז

מיר וועלען גארנישט איבערטרייבען, אויב מיר וועלען זאגען, אז די וועלט־געזעלשאפט „ארט", איז אין סאציאלער און עקאנאמישער הינזיכט די נויטיגסטע און נוצליכסטע ביי דער איצטיגער לאגע פון דער יודישער בעפעלקערונג אין דער גאנצער וועלט. די יודישע געזעלשאפט האט אמת פיל סימפאטיע און אנערקענונג פאר דער ארבייט פון „ארט", אבער מ'האט זי נאך נישט גענוג אפגעשאצט. נאך נישט גענוג אריינגעדרונגען אין מהות פון דער דאזיגער טעטיגקייט, כדי צו פערשטעהן, אז די געזעלשאפט מוז די ארבייט נעהמען אויף אייגענע פלייצעס און זי ענטוויקלען. די רעזולטאטען פון דער ארבייט געהען נישט שפיס פאר פרעמדע, פאר זייטיגע, פאר ארימע, נאר דאס איז פאר זיך אליין און פאר אייגענער צוקונפט.

אין צוזאמענהאנג מיט דער

קאטאסטראפאלער פינאנציעלער לאגע.

וועלכע ס'לעבט איבער די וועלט־צענטראלע פון „ארט", די פוילישע צענטראלע און ממילא די לאדזער אפטיילונג. ווערט אנגעהויבען א גרויסע פראפאגאנדע און פינאנציעלע אקציע פאר די אויפגאבען פון „ארט".

צום אנהויב פון דער אקציע איז געבעטען פאר־געקומען א פרעסע־קאנפערענץ, אויף וועלכער דער מיטגליד פון דער צענטראלע ה' אייסעראוויטש און די ארטיגע „ארט"־טוער ד"ר ווישעוויאנסקי און דיר. לעקיך האבען אינפארמירט וועגען די גרויסע ביזאיצטיגע אויפטוען פון „ארט" און וועגען די פלענער אויף דער צוקונפט.

ה' אייסעראוויטש האט צווישען אנדערעס געזאגט: אפשר איז „ארט" צו בעשיידען און לעגט וויינציג אכט אויף דער פראפאגאנדע אין פערהעלט־ניש צו דעם וואס „ארט" טוט אליין. אין דעם עקאנאמישען פאגראם וואס קומט איצט פאר ביי דער יודישער בעפעלקערונג איז „ארט" די זעלבסט־שיץ. אמת, ס'קען קיין רייד נישט זיין וועגען ליג־ווידערען דעם גרויסען קריזיס, אבער דאס איז א ווינקעלע וואו ס'קאנצענטרירט זיך דער אנגריף געגען דעם עקאנאמישען אונטערגאנג. „ארט" ארבייט אין 4 ריכטונגען:

פראפעסיאנעלע אויסבילדונג

די דאזיגע ארבייט איז געווען א פארטזעצונג פון דער ארבייט וואס איז געפיהרט געווארען שוין פון לאנג. מיר האבען געפיהלט די איבערפראדוקציע אין דער אינטעליגענץ און מ'האט געמוזט זוכען אנ'אפפלוס אין די יודישע פראפעסיאנעלע שולען, אזוי איז דאס איינציגע יודישע טעכניקום (א חוץ ארץ־ישראל) געגרינדעט און געפיהרט דורך ארט, ס'איז פערהאן א נעץ פון פראפעסיאנעלע שולען, וועלכע האבען מלוכה־רעכט און זענען קאנצעסיאנירט, אזוי אז זיי ענטשפרעכען דעם צעכען־געזעץ. הגם די

„ארט" — שולען ווערען נישט שטענדיג „וואילגעזעהן"

דורך די פערשידענע פאקטארען, מ'דערלאזט נישט די עקזאמענס אין די ארט־שולען, ס'דויערט יאהרען ביז מען בעקומט די קאנצעסיע, פונדעסטוועגען האבען 95 פראצענט פון אלע שילער, וועלכע האבען געלערנט אין די „ארט"־שולען אויסגעהאלטען די עקזאמענס, די דאזיגע ארבייט פון די פראפעסיאנעלע שולען האט געמוזט אביסעל געהאמעוועט ווערען צוליב 2 טעמים, ערשטענס האט די פינאנציעלע לאגע פון „ארט" דערצו געצוואונגען, די פראפעסיאנעלע שולען האבען פערשלונגען 40 פראצענט פון ביודזשעט, דער צווייטער טעם איז א ריין פרינציפיעלער. דער פראצעס פון דעקלאסירונג פון די יודישע מאסען געהט מיט א מוראדיגען טעמפא, וואס א טאג ווערען נייע מאסען ארויסגעווארפען פון האנדעל און פערדינסט־מעגליכקייט און אט די מאסען מוזען שנעל אינדוסטריאליזירט ווערען, איבערגעשיכטעט ווערען און מען מוז זיי אריינבעקומען אין די פאבריקען. דער סיסטעם פון פראפעסיאנעלע שולען איז ביי דער לאגע נישט קיין ענטשפרעכענדער, ווייל די שילער וואלטען נישט געקענט ווארטען דורך 3 אדער 4 יאהר ביז זיי וועלען גרינדליך פראפעסיאנעל אויסגע־שולט ווערען און דאן זאל מען ערשט זוכען פאר זיי א תכלית.

די דעקלאסירטע מאסען מוזען זיך שנעל צופאסען צו די נייע בעדינגונגען. דעריבער האט „ארט" געגרינדעט א נעץ פון פערשידענע פאך־קורסען וואו די שילער האבען באלד בעקומען פראקטישע, פראפעסיאנעלע אויסבילדונג און גלייכ־צייטיג איז געטראכט געווארען דערפאר, אז די דאזיגע מענשען זאלען קענען בעקומען ארבייט און אין דער פאבריק זאלען זיי זיך קוואליפיצירען. „ארט" האט דערביי איינגעהאלטען אלע פראפעס־יאנעלע שולען, הגם דאס אויסהאלטען די שולען ווערט וואס אמאל שווערער צוליב דעם, וואס די מאגיסטראטען און אנדערע אינסטיטוציעס שטרייכען צוליב'ן קריזיס די סובסידיעס.

די צווייטע גרויסע ארבייט פון „ארט" איז די לאנדווירטשאפטליכע

די יודישע בעפעלקערונג האט קיין שום אהנונג נישט וועגען דעם, וויפיל יודען אין פוילען ס'זענען בעשעפטיגט ביי דער לאנדווירטשאפט. ווען מען רעדט וועגן אגראר־ארבייט ביי יודען האט מען אין זינען ארץ־ישראל, ארגענטינא, קאנאדע, קרים, בירא־בידושאן, אבער קיינמאל נישט פוילען. אמת, אז ס'איז פערהאן אנ'אונטערשיד צווישען די לאנדווירטשאפט־ארבייט אנדערשוואו און אין פוילען. אומעטום איז די ערד אייגענע, אין פוילען איז זי ארענדירטע. אין רוסלאנד זענען ביי לאנדווירטשאפט בעשעפטיגט 160 טויזענד יודען, אין ארץ־ישראל 35 טויזענד, אין ארגענטינא 44 טויזענד און אין פוילען גאנצע 150 טויזענד יודען. פון דעם זענען 10 ביז 15 פראצענט בעשעפטיגט אויף אייגענע ערד. „ארט" האט די דאזיגע ארבייט נישט ארויסגעלאזען פון אויג, און ווען ס'וואלטען געווען די פינאנציעלע מעגליכקייטען, וואלט מען געקענט אויסקויפען אין פוילען אונגעהויערע שטחים ערד און געקענט קאלאניזירען יודען. צו דעם דארף מען אונגעהויערע געלד־מיטלען. „ארט" פיהרט אריין ביי יודישע פויערים אין פוילען אינטענסיווע קולטור. אנראנאמען פאהרען ארום אומעטום (וואלין, גאליציען). שאפען לאנדווירטשאפטליכע קאאפעראטיווען, וועלכע ווערן סובסידירט, בעמיהען זיך איינצופיהרען ווי ס'איז מעגליך ביהנען־צוכט, אויף אנדערע ערטער אזעלכע זריעות וואס זענען מעגליך און אזוי ווייטער. דער אגראר־קריזיס אין לאנד האט זיך נאטירליך זעהר שטארק אפגעשלאגען — אויף די יודישע לאנדווירטשאפטער, אבער ווען „ארט" וואלט געהאט געלד־מיטלען וואלט זי אין דער הינזיכט פיל געקאנט אויפטון.

די דריטע ארבייט פון ארט איז

הויבען די טעכניק פון דער יודישער האנדווערקעריי.

צו דעם צוועק האט „ארט" געשאפען מוסטער־ווארשטאטען, ווי למשל די מעבעל־סטאלעריי אין ווארשא, וואו ס'זענען אויסגעארבייט געווארען די בעסטע און שענסטע מעבעל אין פוילען. דאן האט „ארט" אריינגעלעגט ריזיגע סומען אין איינקויפען מאשינען און זיי פערלייהען צווישען די יודישע האנדווערקער, וועלכע האבען זיך געדארפט צופאסען צום מארק, וועלכער האט פערלאנגט א מעהר מאדערנע אויסארבייטונג. צוליב'ן קריזיס איז „ארט" געבליבען ביי א גרויסען פארטפעל וועקסלען, וועלכע די פעראריטמע האנדווערקער קענען נישט אויסקויפען.

גלענצענד האט זיך דעם „ארט" איינגעגעבען די ארגאניזאציע פון דער אמעריקאנער קרובים־הילף. די אקציע איז בעשטאנען אין דעם, וואס „ארט" האט דא אויפ'ן ארט, אין רוסלאנד און דאן אין פוילען, איינגעארדענט די מענשען וועלכע בעקומען הילף פון זייערע קרובים אין אמעריקא — מאדערנע ווארשטאטען, פון וועלכע זיי האבען געקענט ציהען חיונה. און די קרובים אין אמעריקא האבען דאס געלד דאן אפגעצאהלט דעם „ארט". אזוי־ארום זענען די אמעריקאנער געלדער געגאנגען אויף פראדוקטיווע צוועקען. אין דער דאזיגער ארבייט האט א גרויסען אנטייל גענומען דער ארבייטער־רינג אין אמעריקא און די לאדזער קאאפעראטיווע וועבעריי, געגרינדעט דורך „ארט" איז שוין א רעזולטאט פון דער דאזיגער ארבייט. איצט איז די פירטע ארבייט פון „ארט" געריכטעט אויף שנעל אויסבילדען דעקלאסירטע מענשען צו פאכען, אויף וועלכע ס'איז מאמענטאל פערהאן א קאניונקטור, כדי זיי זאלען שוין קענען אנהויבען צו פערדינען. אין דער הינזיכט קומט לאדז דעם אויבענאן. ווייל ווארשא, לובלין, וולאצלאוועק און אנדערע האבען זיך ערשט געלערנט פון לאדז.

פון וואנען נעהמט „ארט" די מיטלען

אויף אזא אונגעהויערע פערצווייגטער ארבייט. דער ביודזשעט פון „ארט" האט שוין בעטראגען 980 טויזענד דאלאר, פון דעם האט אמעריקא געגעבען 500 טויזענד דאלאר, ענגלאנד 100 טויזענד, דאן דייטשלאנד, דרום אפריקא, אויסטראליען און אנדערע לענדער. איצט האט זיך דער קריזיס אריינגעריסען אומעטום, אמעריקא קען די דאזיגע סומע נישט געבען. דייטשלאנד, וועלכע האט געגעבען פאר די צילען פון „ארט" אנדערש־וואו, מוז איצט האבען דעם „ארט" פאר זיך, ווייל דארט הויבט זיך אן דערזעלבער דעקלאסירונגס־פראצעס, וואס ביי אונז, איצט ווערט וואס אמאל ענגער, די ארטיגע קאמיטעטען בעקומען נישט קיין שום סובסידיעס און מוזען זיך פערלאזען אויף אייגענע כוחות. לאדז האט א גרויסען דעפיציט, אבער וויל און קעמפט איינצוהאלטען אלע איהרע איינריכטונגען, וועלכע זענען מיט אזויפיל מיה געשאפען געווארען, און וועלכע האבען אזויפיל מיטגעהאלפען איינצוהאלטען דעם בארג־ארָאפ פון דעם יודישען עקאנאמישען רואין. „ארט" מוז דעריבער געפינען פון דער יודישער בעפעלקערונג אין לאדז דעם געהעריגען אפקלאנג פאר זיינע צילען און די בעפעלקערונג מוז געבען די מיטלען ווייטער פארטצוזעצען די נויטיגע ארבייט.

דער פארזיצער פון דער לאדזער אפטיילונג פון „ארט" ד"ר ווישעוויאנסקי ווייזט אן, אז דער לאדזער „ארט" האט זיך נישט געריכטעט לויט דער אלטער טראדיציע אין זיינע פראפעסיאנעלע שולען, וואו מען זאל דארפען לערנען 3 יאהר ביז מען זאל קומען צום פערדינען. די מאסען, וואס שטרעבען איצט אין די טויזענדער נאך פאך־בילדונג קענען נישט אויסהאלטען אזוי לאנג צו ווארטען, זיי מוזען גלייך פערדינען און דעריבער איז געווען דאס ריכטיגסטע צו גרינדען קורסען, וועלכע זאלען קודם־כל העלפען אריינצוקומען אין דער פאבריק. די גרעסטע אויטאריטעטען, וואס האבען בעזוכט די „ארט"־ווארשטאטען האבען זיך מיט דער גרעסטער אנערקענונג ארויסגעזאגט פאר'ן דאזיגען מעטאד־ארבייט. די ארבייט פון לאדזער „ארט" האט געהאט

א סאציאלע טענדענץ

אינדוסטריאליזירען הייסט אריינפיהרען דעם ארבייטער אין דער פאבריק, ווי אזוי געהען די נישט־יודישע ארבייטער אריין אין די פאבריקען? זיי געהען צו זייערע משפחות, ברידער און פאטערס, לערנען זיך אויס ארבייטען נעבען דער מאשין או אזוי ארום קומט ער אריין אין דער פאבריק. דאסזעלבע דארף געטון ווערען ביי יודען, די לאגע ווערט אבער בעשווערט דערמיט, וואס יודישע ארבייטער האבען נישט אין דער פאבריק ביי וועמען צו לערנען, נישט פערהאן דארט קיין יודען. דעריבער האט דער „ארט" געשאפען ביי זיך ווארשטאטען, וואו דער יודישער ארבייטער זאל בעקומען די ערשטע קענטניש ביי דער מאשין און דאן בעמיהט זיך „ארט" די דאזיגע ארבייטער אריינצובעקומען אין דער פאבריק, אזויארום זענען אריין אין מעכאנישע פאבריקען 677 וועבערס, וואס זענען אויסגעבילדעט געווארען אין „ארט", ס'איז פערהאן נאך א שטאנדפונקט, די ארבייט ווערט ביי דעם ארבייטער א חוקה. ס'איז פערהאן אקופירטע געביטען, וואו די נישט־יודישע ארבייטער ווילען נישט צולאזען קיין יודישע. לאדזער „ארט" האט דעריבער געזוכט אויסצובילדען אין אזעלכע פאכען, וואס זענען נאך נישט אקופירט און דעם ארבייטער איז לייכטער אריינצוקומען אין דעם פאבריק. דאס האט זיך דעם לאדזער „ארט" איינגעגעבען. דער לאדזער „ארט" האט געהאט אין זין די האנדווערקער, ס'איז געשאפען געווארען

א ספעציעלע האנדווערקער קאמיסיע

וועלכער דארף געבען די איניציאטיוו די האנד־ווערקער אין ענינים פון נייעם צעכען־געזעץ, עקזאמענס א. א. וו. 3 מיטגלידער פון „ארט" זענען אריין אין דער בילדונגס־קאמיסיע פון

(ווייטער זעה 9־טע זייט)

שטיצע פאר ארבייטסלאזע

(—) דער אונטערשטיצונגס־אמט ביים מאגיסטראט איז מודיע, אז דאס איינמצלדען די שטיצע פאר ארבייטסלאזע פאר'ן חודש פעברואר וועט פארקומען לויט פאלגענדען סדר:

היינט, מיטוואך, ד. 3 אותיות:

K L Ł

דאנערשטאג, ד. 4 פעברואר

M N O

פרייטאג, ד. 5 פעברואר

P R S

שבת, ד. 6 פעברואר

T U W Z Ź

נייער קאמיסאר אין דער קר. קאסע

(2) דער ארבייטס־מיניסטער האט פון 1־טען פעברואר אן נאמינירט אלס קאמיסאר פון דער לאדזער קר.־קאסע דעם ה' קאזשימיערזש ראזנאווסקי

דער ניי־נאמינירטער קאמיסאר איז די לעצטע יאהרען געווען קאמיסאר פון דער קר.־קאסע אין ווארשא. ביז דאן איז ער געווען גאטשעלניק פון דער הויפט־פערוואלטונג פון ארבייטסלאזען פאנד. היינט נעמט דער נייער קאמיסאר איבער זיין אמט.

אפטייקען

היינטיגע נאכט־דיזשורען

(2) קאפראווסקי (נאוואמיעסקא 15), ס.טראווקאווסקי (פושצזשינער 56), מ. ראזענבלום (שרוד־מיעסקא 21), מ. בארטאשעווסקי (פיעטריקאווער 95), קלופסא (קאנטנא 54), ל.טשינסקי (ראקאטשינער 53).

קאנטראל אין די לאגעווניקער וועלדער

(2) דעם 9־טען ד. ח. וועט אין לאגעווניקער וועלדער קומען דער וואלד־קאמיסאר. ער וועט אונטערזוכען די וועלדער אין צוזאמענהאנג מיט די נייע וועגען, וואס ווערען אין די וועלדער אדורכגעפיהרט.

נייע קוך פאר ארבייטסלאזע

(2) אין די נאהענטסטע טעג ווערט געעפענט א נייע קוך פאר ארבייטסלאזע. די נייע קוך וועט זיך געפינען אויף בושזשינער 123.

שלעגערייען

(2) אויף קעלמא 39 איז צעשלאגען געווארען דער 39־יעהריגער פעליקס סטאנישעווסקי.

אין טויער אויף קאפערניקא 70 זענען עטליכע פערשוינען בעפאלען פראנטשישעק קאמאראווסקי'ן און איהם פערוואונדעט.

אויף מאסטאווא 6 איז פון זיין ברודער בעפאלען געווארען בראניסלאוו אולאנקעוויטש, וועלכער האט איהם געמאכט א לאך אין קאפ.

אין אלע פאלען האט די פאגאטאוויע געגעבען הילף.



היינט פרעמיערע!

גיגאנטיש מייסטערווערק פונ'ם קעניג פון די רעזשיסארען Cecil B. De Mille

מאדאם טיוועל

דראמע פון געגענווארטיגער הייראט.

פרעכטיגע אויסשטאטונג!

אריגינעלע איינפאלען!

אין די הויפט־ראלען:

KAY JOHNSON

REGINALD DENNY

LILJAN ROTH

אנהויב אין געוו. טאג 4.30 נאכמיטאג, שבת און זונטאג — 12 א זייגער ביי טאג

פאפולערע פרייזן פון די פלעצער.

די נייע פעראָרדנונג וועגן „ריטשאַלט"

פאר קליינהענדלער און האנדווערקער

איז געענדערט געוואָרען לטובת די קליינע אונטערנעמונגען

די לאָדזער האנדווערקער-קאמער האָט נעכ-טען בעקומען א ידיעה, אז דאָס פינאנץ-מיניס-טעריום האָט איינגעפיהרט עטליכע אויסבעסערונ-גען אין דער פעראָרדנונג וועגן „ריטשאַלט" און אומזאץ-שטייער פאר קליינע אונטערנעהמונגען. די אויסבעסערונגען זענען פאָלגענדע: פון דעם נייעם בעשטייערונגס-סיסטעם וועלען גענ'סען נישט נאָר די אונטערנעהמונגען, וועלכע מאכען אַנ'אומזאץ ביז 25 טויזענד זלאָטים נאָר אַלע ביז 35 טויזענד זל.

דער ריטשאַלט-שטייער פאר האנדווערקער-וואַרשטאַטען, וועלכע האָבען ביז איצט קיין שום שטייער נישט געצאָהלט וועט בעטרעפען 21 זל. מיט 60 גראָשען צוזאמען מיט אַלע צושלאָגען.

דער פאראגראף 10 וועגען דער מעגליכקייט פון דער פינאנץ-מאכט צו בעשטימען א צוגאָב-שטייער איז אינגאנצען געשטראָכען געוואָרען.

פראָטעסט-פערזאמלונגען

געגען אָנפאל אויפ'ן ארבייטער-טוער ה' זרובבל

ווי בעקאנט, זענען „רויטע" אין לאָוויטש אָנגעפאלען אויפ'ן ה' זרובבל בעת ער איז געגאַנגען אויף א פאָרלעזונג און מיט אנ'אייזערנע הענטשקע איהם אונטערגעהאקט אנ'אויג.

באלד ווי די ידיעה האָט זיך בעקומען אין לאָדז, האָט דער ראט פון די פראָפעסיאָנעלע ארבייטער - פעראיינען צונויפגערופען אנ'עקסטרע קאָנפערענץ פון די פעראיינס-פערוואלטונגען און אָנגענומען א שארפע רעזאָלוציע געגען די אָנפאלער.

ענהליכע פראָטעסט-רעזאָלוציעס האָבען אָנ-גענומען די פערוואלטונגען פון די פעראיינען: פליישער און טראנספּאָרט ווי אויך די אלגעמיינע פערזאמלונגען פון קעלבער-ארבייטער און כעמישע ארבייטער. אין אַלע פעראיינען ווערען גערופען ספּעציעלע פראָטעסט-פערזאמלונגען און ס'ווערען ארויסגעשיקט מיטגעפיהל-דעפּעשען צום ה' זרובבל.

אויף א יום-טוב-סעודה „באוויעט"

מען זיך מיט רעוואָלווערן

און דער בעל-שמחה בעקומט א קויל אין קאָפּ

(2) יוזעף גאַצקאָווסקי, האָט אין זיין וואוי-נונג (טאַרגאָווא 11) נעכטען געמאכט א סעודה'לע און פערבעטען געסט.

נאָך עטליכע „גלעזלעך", האָט מען זיך גע-נומען „באוויען". איינער פון די געסט, מיכאל זארעמבאַ, האָט ארויסגענומען א רעוואָלווער און לשם „זאבאַווע" גענומען סטראַשען די געסט. איינער פון די אַנוועזענדע האָט איהם א כאַפּ-געטון פאר דער האַנד, דאַ האָט דער רעוואָלווער אויסגעשאָסען און די קויל האָט געטראָפען דעם בעל-שמחה גאַצקאָווסקי'ן אין קאָפּ. ג. איז אין א שווערען צושטאַנד אָפּגעפיהרט געוואָרען אין שפּיטאָל שוו. יוזעף, און דער פריילעך-מאַכער זארעמבא – אין דער תּפיסה.

לאָדזער יודישער קאַמעראַל-טעאַטער
אַלעע 1-טער מאַי 2. דיר.: דוד צעלמייסטער און א. בעזמאַן.
גאַסטשפּילן פון לאָדזער קאַמעראַל און קליינקונסט-טעאַטער „ארט"
קינסטל. אנפ.: מ. בראָדערזאָן.
היינט, מיטוואָך – נומ. 1 פאָרשטעלונג: אָנהויב 9.45 אָוונד
לעצטע וואָך! דאָס גרויסע 24-טע רעקאָרד-פּראָגראַם א. נ. לעצטע וואָך!
מ'לאַכט פון דער וועלט
אין 2 טיילן 14 בילדער
טעקסטען: מ. בראָדערזאָן, י. אַבערזשאַנעק, ש. א. לישעל. מוזיק: דוד בייגעלמאַן, מאַק-דאַווידל און פּאָלקס-מאָטיווען. דעקאָראַציעס און קאָסטיומען: דינה מאַטיס. רעזשי: ש. דזשיגאַן און י. שומאַכער. בינע-אינספּעקציע: מ. קאַן.
עס בעטייליגען זיך (לויט א"ב): ש. גאָלדשטיין, מרים דאָלסקאַ, ש. דזשיגאַן, שיינע מרים, צילי סטאָל, מ. פּעטערמאַן, מ. פּילאָווער, מ. קאַן, י. שומאַכער, י. שיפּער און א קינסטל. טאַנץ-קוואַרטעט
די קאַסע איז אָפען פון 6 א זייגער אין אָוונד.
סירצליך: פּרעמיערע סירצליך:
פון 25-טען יובילעאום-פּראָגראַם פון „ארט"

זאַל פילהאַרמאַניע, טעלעפאָן 213-84.
דאָנערשטאָג, דעם 4. פעברואַר, 9 א זייגער אָוונד
צווייטער און לעצטער
אָריגינעלער קאָנצערט
פון בעקאַנטען הומאָריסט און אויספיהרער פון יודישע לידלעך און פּאַראָדיעס
דעם ליבלינג פון וואַרשאַווער פּובליקום
יאַסעלע קאַלאַדני
679
אין פּראָגראַם: די בעסטע און אינטערע-סאַנטסטע לידלעך פון נייעם רעפּערטואַר.
ווערטער און מוזיק: י. קאַלאַדני. ביים פּאָרטעפּיאַן: LEON FINKIEL
בילעטען פון 1 זל. ביז 3 זל. שוין צו בעקומען אין קאַסע פון פילהאַרמאָניע.

פאלק האַלפּערן אין לאָדז

איז אנגעלעגענהייטען פון יודיש-וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט

נעכטען איז אין אָנגעלעגענהייט פון יודישען וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט געקומען קיין לאָדז, דער בעקאַנטער שריפטשטעלער און קולטור-געזעל-שאַפטליכער טוער פאלק האַלפּערן פון ווילנע.

אין אָוונט איז פאָרגעקומען א לענגערע בעראַטונג פון פערזאָנען, וועלכע שטעהען נאָהענט צו דער אַרבייט פון יודיש-וויסענשאַפטליכען אינ-סטיטוט און ס'איז בעשלאָסען געוואָרען אויף היינט האַלב 9 אין אָוונד צו רופען א גרעסערע קאָנ-פערענץ, כדי אונטערצונעמען אַנ'אַקציע לטובת דעם יודיש וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט.

פאָרלעזונג פון ד"ר פאַלעק

וועגען דער אייראָפּעאישער פּאַצי-פיסטישער ליטעראַטור

(–) דער בעקאַנטער ליטעראַט ד"ר ווילהעלם פאַלעק, וועט היינט, מיטוואָך, 9 א זייגער אין אָוונד האַבען א פאָרלעזונג אין לאָקאַל פון „וויזא" (שען-קיעוויטשאַ 26) א. ד. ט. „די אידעע פון פּאַציפיזם אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור". טעזיס: 1) דאָס באַשטאַלטען זיך פון דער פּאַציפיקאַציע-אידעע אין גאַנג פון דער געשיכטע, 2) ביכער וועגען מל-חמה: א) פראַנט, 2) היינטער'ן פראַנט, ג) געפאַנ-גענע לאַגערס, ד) אינטערנירונגס לאַגערן, ה) פעלד-לאַזאַרעטען א. א וו. 3) גייסטיגע פאַרבינדונג מיט דער וועלט דורך טראַציעס דאָס יונגע דור (הערצער, פּ"אנס, זקוועל ליכער פּערטאַגישער קאָנגרעס אין לאַקאַר א.

דער רעפערענט וועט אין א גרויסער מאָס בעריקזיכטיגען די יודישע, פּוילישע, דייטשע און פראַנצויזישע פּאַציפיסטישע ליטעראַטור.

צוליב דער פּערזאָן פון פּראָלעגענט און דער טעמע, האָט די פאָרלעזונג ארויסגערופען א גרויסע פּאַראינטערעסירונג.

צעבראָכען א פוס אויף דער גליטש

(2) אויף נאָוואָק-גאַס 16 האָט זיך די 18 יעהריגע בראָניסלאַווא קאָזשעוויטש אויסגעגליטשט אזוי אומגליקליך, אז זי האָט צעבראָכען א פוס.

„מסעות בנימין השלישי"

פייערליכע פּרעמיערע אין „הזמיר"

די פּאָרבערייטונגען צו דער אויפפיהרונג פון מענדעלע מוכר ספרים'ס גרויס-ווערק „מסעות בנימין השלישי" ביי דער יודישער טעאַטער-סטודיע האַלט שוין אין פולע פון פערענדיגונג.

די סטודיע בעקאַנט מיט איהרע אויפפיהרונ-גען פון שלום עליכם'ס „די גאָלדגרעבער" פּרק'ס „אין פּאַליש אויף דער קייט" לייגט אויך די גרעס-טע ענערגיע אז די פּרעמיערע זאָל אַראָפּ מיט'ן גרעסטען ערפאָלג. אין דער קינסטלערישער אָנפי-רונג פון דער פּרעמיערע בעטייליגען זיך די ה"ה ה. אידעם – רעזשי. יצחק ברוינער דעקאָראַציעס און קאָסטיומען. דוד בייגעלמאַן מוזיק איזאַ האַראַ-רי – פּלאַסטיק און טענץ.

די פייערליכע פּרעמיערע קומט פאָר שוין פרייטאָג ד. 12 פעברואַר אין „הזמיר".

קלאַנג-קינא-טעאַטער
APOLLO
היינט פּרעמיערע!
גרויסער דאָפּעלטער פּראָגראַם!
1) „דער ווינד פון ים"
מעכטיגע דראַמע לויט דער ערצעהלונג פון זשעראָמסקי. אין די הויפּט-ראָלען:
Marja Malicka, Bodo, Brodzisz, Stępowski.
2) דער מאַטראָז זוכט ליבע
מיט William Haines, Anita Page, Karol Dane.
נעכסטער פּראָגראַם: „אילוזיעס" און „CHŁOPI"
אָנהויב 4, 6 און 8 וועד. טעג 4 נאָכמיטאָג, שבת און זונטאָג–12 א זייגער בייטאָג

ר. איזראַעל.

הפּערלע

א סענסאַציאָנעל-ראָמאַנטישער ראָמאַן פון דער לאָדזער ווירקליכקייט

(37

— מיט איינמאָל האָב איך זיך דערוואוסט, אז מיין מאַן פּלאַנעוועט עפּעס זעהר געפעהרליכע זאַ-כען, איך האָב נישט לאַנג געדאַרפט וואַרטען אויף דעם וואָס דאַרף פּאָרקומען. ביי אונז אין וואַרשאָ האָט זיך אין די צייטונגען בעווייזען א סענסאַ-ציאָנעלע ידיעה, אז די צוואָה פון סאַלאָמאָן אַרנ-שטיין, וועלכע איז געלעגען פערזיגעלט ביים רעיענט און האָט געזאָלט אויפגעהתמעט ווערען ערשט אין 4 יאָהר אַרום איז אויף אַנ'אומפּערשטענדליכען אופן צוגעגנבעט געוואָרען, גלייכצייטיג מיט דער דאָזי-גער ידיעה, איז מיין מאַן פערשוואונדען געוואָרען אָהן דעם, ער זאָל זיך מיט מיר געזעגענען, איך האָב פערשטאַנען, אז די גנבה איז אַנ'ענין פון מיין מאַן, וועלכער האָט אַזוי אַרום געוואָלט דערפיה-רען הערצו, אז די מיליאָנענדיגע ירושה פון מיין פאָטער זאָל געהערען צו איהם.

דער רעיענט זעהט אויס, האָט אינפאָרמירט די פּאָליציי אויף וויפיל ער האָט געדענקט וואָס אין דער צוואָה פון מיין פאָטער האָט זיך געפונען, און דער חשד איז געפאַלען אויף מיין מאַן, אז דאָס האָט ער אָרגאַניזירט די גנבה, דערוויסענדיג זיך, אז ער וועט גאָרנישט ירשענען, אָבער מיין מאַן איז ווי א שטיין אין וואַסער אַריין. מ'האָט אויף זיין שפּור נישט געקענט פאַלען, אַזוי איז אַוועק צוויי יאָהר, און איצט האָב מען מיך פּלוצלונג אַרעסטירט אין וואַרשאָ און אָפּגעפיהרט דאָ אַהער. דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב דיר בקיצור דערצעהלט.

פּערעלע האָט אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ און זיך פערטראַכט:

— און פון דיין מאַן האָסטו די גאַנצע צייט גאָרנישט געהערט?

— ניין, קיין איין וואָרט, קיין איין ידיעה.

— אפשר איז מיט איהם געשעהן עפּעס אַנ'אומגליק?

— איך האָב געפּרובט אַלע מיטלען, געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען, וועלכע האָבען אָבער צו גאָרנישט געפירט.

פּערעלע האָט נאָך געוואָלט עפּעס פרעגען, אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך געעפענט די טיר און דער פּאָליציאַנט האָט גערופען העלענא'ן צו א פערהער.

קאַפּיטעל 17

קאַלינסקי און געפאַהר

קאַלינסקי האָט אָנגעקלונגען אין דער טיר פון דער וואוינונג וועלכע דער באַנקיר ראָזענטאַל האָט אָנגעוויזען אין זיין בריף זיך צו טרעפען מיט איהם. די טיר איז באַלד געעפענט געוואָרען דורך א יונגען עלעגאַנטען מאַנספּערשוין, אין א פראַק, ווייסע וועסט, און ווייסען קראַוואַט.

— איז דער באַנקיר ראָזענטאַל דאָ?

— ניין, ער איז נאָך נישט דאָ, ער האָט אָבער מיט עטליכע מינוטען צוריק דאָ אַהער טעלע-פאָנירט, אז אויב צו איהם וועט זיך פרעגען א גע-וויסער הער קאַלינסקי, זאָל ער וואַרטען אויף איהם אין סאַלאָן.

— איך בין דאָס דער דאָזיגער קאַלינסקי, מיט וועמען ראָזענטאַל האָט זיך דאָ געשטימט.

דער עלעגאַנטער הער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר קאַלינסקין וועלכער האָט נישט דערהערט זיין נאָמען און קאַלינסקי איז אַריינגעפיהרט געוואָרען אין דעם גרויסען לוקסוס-זאַל, וועלכער איז געווען העל בעלויכטען און דער טיש איז געווען בעשטעלט מיט כל-טוב. קאַלינסקי האָט זיך דערמיט נישט געוואונדערט, ווייל ער איז געווען צוגעגרייט דער-צו, אז ער קומט אין אַזאַ לאָקאַל אַריין. ער איז נישט געווען ענטשפּרעכענד אָנגעטון און פערהעלט-נישט צו די אַלע, וועלכע האָבען זיך אָנגעהויבען צו זאַמלען אין זאַל.

— דער באַנקיר ראָזענטאַל קומט דאָ אָפט אַריין? האָט קאַלינסקי געפרעגט דעם עלעגאַנטען הער, וועלכער איז מיט איהם די גאַנצע צייט גע-זעסען.

— אָ, יאָ, זעהר אָפט. דער באַנקיר איז א מיט-אינהאַבער פון דעם לאָקאַל, האָט יענער ציניש גע-ענטפערט.

קאַלינסקי האָט געעפענט די אויגען און נישט געהאַט די דרייסטקייט עפּעס ווייטער צו פרעגען.

דער הער האָט אָבער קאַלינסקין אַרויסגעע-האָלפען פון דער פערלעגענהייט און געזאָגט:

— איהר דאַרפט זיך נישט וואונדערן, ווייל דעם באַנקיר קענט איהר דאָך, און דער צייט ווען ער האָט אייך דאָ בעשטעלט, די באַנק זייגע הגם די בריינגט געוואַלדיגע הכנסות, אָבער דאָס איז נאָר א נול בנוגע די הכנסות וואָס ס'ברענגט איהם דאָס דאָזיגע געשעפט, אין וועלכען איהר געפינט זיך איצט. איך בין דאָ אויך א מיטאינהאַבער. אונזערע פיליאַס' זענען פערשפּרייט אין גאַנצען לאַנד און אויך אין אויסלאַנד...

— אָבער צו וואָס דערצעהלט איהר מיר דאָס אַלץ, איך בין דאָ א פרעמדער מענש, איך האָב דעם באַנקיר ראָזענטאַל נאָך נישט געזעהען פאַר מיינע אויגען.

— דאָס מאַכט נישט אויס, מיר האָבען פאַר קיינעם קיין מורא נישט, און פיהרען אונזערע גע-שעפטען גאַנץ לעגאַל. א חוץ דעם איז ווען צו דעמס, ווער ס'וועט וועלען אַריינשטעקען זיין נאָז, דאָ וואו ער דאַרף נישט.

— אָבער מיין הער, איך וויל מיך גאָרנישט אַר-איינלאָזען אין קיין שום געשעפטען מיט אייך וועגען די דאָזיגע זאַכען. איך בין גאָר אַהערגעקומען זיך אַדורכשמועסען מיט דעם באַנקיר ראָזענטאַל.

— איהר האָט דוכט זיך געזאָגט, אז איהר האָט נאָך קיינמאָל דעם באַנקיר נישט געזעהען פאַר די אויגען?

— ניין, איך וועל זיך ערשט היינט מיט איהם בעקאָנען.

— דוכט זיך, אז ס'וועט נישט קומען דערצו, האָט דער עלעגאַנטער הער געזאָגט מיט דערהער-בער קאַלטקייט און ציניזם.

— וואָס זאָל דאָס בעדייטען? האָט קאַלינסקי פערוואונדערט געפרעגט.

— דאָס הייסט, אז איהר וועט פון דאַנען מעהר נישט אַרויסגעהן.

— ווי זאָל איך דאָס פערשטעהן?

(פאָרטזעצונג קומט).

דער אידען-קאמף אין דער יודישער דיכטונג

רעפעראט געהאלטען פון יונגען דיכטער ישעיהו שפיגעל אין „וויזא“

מיר גיבען דא א פראגמענט פון דעם אַקטועלען רעפעראט וועלכער איז מיט גרויס ערפאלג געלעזען געווארען אין היגען יודישען פרויען-פעראבאנד „וויזא“.

..אויב מיר זוכען צו פערשטעהן די אידעע-קאמפען, וואס קומען פאר אין וועלכער ס'איז תקופה פון דער יודישער דיכטונג, מוזען מיר זייערע סיבות זוכען אין דער געשטאלטיגונג פון נייע לעבענס-פארמען, פון נייע לעבענספערהעלטנישען, וואס דאס יודישע מאסען-לעבען רוקט ארויס.

יעדע איבערגאנגס-עפאכע, לאזט איבער ווי א סטיכיש געזעץ איהרע אייגנארטיגע ווארצלען אין דער דיכטונג, ווייל דיכטונג איז נישט מעהר ווי דער גייסטיגער און סאציאלער חוט-השדרה פון א געוויסער תקופה. אויב די אייראפעאישע ליטעראטור האבען אין זיך אויפגענומען דעם גאנצען פאטאס, וואס די לעצטע צוויי צעהנדליג יאהר האבען זיי ארויפגעווארפען, האט די יודישע א חוץ דעם אלגעמיינעם אייראפעאישען פאטאליזם אויך איהר ספעציפיש, עכט יודישען גורל, וואס מאכט, אז די יודישע דיכטונג זאל שטעהן אנ'איינזאמע און אפגעזונדערטע צווישען די ליטעראטורען פון אנדערע פעלקער. בעת עס קומען פאר געוויסע אידעאישע איבערשיכטונגען און ס'פורמען זיך אויס נייע גייסטיגע קאמפלעקסען איז דער יוד דער גליקליכסטער און צוגלייך דער אומגליקליכסטער. אין געדראנג פון פערשידענע אומוואנדלונגען, איז דער יודישער דיכטער מעהר צושפליטערט און אינערליך צעריסען, ווי וועלכע ס'איז דיכטער ביי אנדערע פעלקער. זיין אלטער אידעאישער ברעג איז צעלאזט, ער שטעהט אליין און פערוויסט, די נייע בריקען הענגען אריבערגעווארפען איבער אפגרונטען, וואס פיהרען אין אומבעקאנטע וועלטען, ער זעהט נישט מעהר, דער דיכטער, ווי די הויכע שארפע טורם-שפיצען, וואס לויכטען ארויס פון א נייער אויפקומענדיגער וועלט, אבער די דאזיגע נייע וועלט מיט איהר נייעם זון-אויפגאנג איז פאר איהם אומדייטש, אומקלאר און זי שרעקט איהם. ער איז באלאדען מיט אלט געוועהר און געהט דראבער א פרעמדע, אומבעקאנטע וועלט, קיינער לעבט נישט אזוי איבער די געגענווארט אלס דאן-קישאט ווי דער יוד און צוזאמען מיט איהם דער יודישער דיכטער. די יודישע דיכטונג טראגט אויסער דעם גורל פון איהרע שפעהר, אויך דעם שיקזאל פון א יודישען קאלעקטיוו, פון א קבוץ, וואס זיין וועג געהט איבער הענגענדיגע בריקען אין דער לופט.

די ליטעראטור שטעלט מיט זיך קיינמאל נישט קיין עפעס אפגעריסענעס, שוועבענדיגעס; זי איז, אזוי צו זאגען, די נאפעל-שנור פון דער געגענווארט. די קאסמאפאליטישע אידעע-שטראמען האבען ארייגעבראכט אין דער פאעזיע דאס פרעמדע, דאס מיסטישע און נישט מענשליכע. די אייראפעאישע פאעזיע פון מיטעלאלטער האט אין איהר שויס געהאט דעם רעליגיעזען מיטאס, דאס עפילעפטישע זעהן, וואס פערטונקעלט די ווירקליכקייט. דער ראמאנטיזם איז א שווינדזיכטיג קינד, פון דיכטערס [illegible] וואס איז פאר איהם אליין פרעמד. אויף דער דיכטונג פון די הימלישע ריטער-פאעטען האבען די לעצטע צוואנציג יאהר ארויפגעווארפען א שטריק און זיי ארויפגעצויגען צו די פיס פון. דעם פראסטען, [illegible] מענשען, די הימלען זענען איבערגעצויגען געווארען מיט שווארצען רויך פון פאבריקען. דער ראמאנטיקער איז טויט אפשר אויף אייביג און אפשר ווידער געבוירען צו ווערען אין דער אידעע פון [illegible] וועלט-אנשויאונג.

די דיכטונג אלס א מענשליכע שאפונג מיט געזעלשאפטליכע טענדענצען און מאטיווען, טראגט שטענדיג דעם אטעם פון דער צייט. אויב ליטעראטור דינט עמיצען — איז אין ערשטער רייה דער פאלקס-מאסע, וואס צעבריכט אין אנ'איבערגאנגס-פעריאד אלע אלטע כללים פון עטישען און געזעלשאפטליכען.

מיר דארפען נישט זוכען קיין פיל ביישפילען אין דער געשיכטע, כדי צו זעהן אז די גרעסטע קאטאסטראפעס, אלערליי רעוואלוציעס און מלחמות האבען אמטראגישסטען דעם יוד, די אפוועזענהייט פון א שטארקער אידעע, וואס דארף צוזאמענהאלטען די לעבענס-פאטענצען פון דעם יודישען קאלעקטיוו איז גורם, אז אין יעדער איבערגאנגס-עפאכע, אין יעדער שוועל צו א נייער תקופה, ווערט אמטיפסטען געטראפען דאס עמפפינדליכסטע הארץ פון יודישען דיכטער, דא איז דער אנהויב פון זיין מענשליכען טראגיזם, וואס מאכט איהם אומנוצליך און זיין לעבען ציל-לאז. פון דאנען אן קאן מען זעהן וואס געהן זיך פונאנדער די גלות-וועגען פון יודישען דיכטער. דא ליגט דער שליסעל צום אידעאישען כאאס, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר דער יודישער דיכטונג אין די לעצטע יאהר.

אין מהות פון דער יודישער פאעזיע ליגט [illegible]: די בעוועגונג, די אומרוה, די בונטארישקייט אקעגען אלערליי געזעצען און וועלט-אנשויאונגען, דער יודישער דיכטער איז דער איינזאמסטער, ער איז היימלאז און ארטלאז. ער געהט ארום איבער דער ערד ווי א פרעמדער, כאטש ער האט זי אזוי וואהנזיניג ליב. צווישען איהם און זיין פאלק ליגט א מויער פון שפאט און גרינגשעצונג; מען הערט זיך צו איהם צו איז ווי צו א [illegible], וואס מען קאן איהם אלץ מוחל זיין.

עס איז נישט אויך קיין צופאל, וואס דער קריג האט אמשטארקסטען אויפגעטרייסעלט די יסודות פון געזעלשאפטליכען, קולטורעלען און סאציאלען לעבען פון דער יודישער מאסע און פערוואונדעט דעם יודישען קאלעקטיוו. באר די מלחמה איז די איינציגע בלוטיגע ווירקליכקייט, דער איינציגער רעש[illegible] אין לעבען, וואס עפענט אויף די אויגען דעם [illegible] און טרוימער. דאס יאהר 1914 איז א וועג-סלופ אויף די שליאכען פון די ליטעראטורען, וואס האט אנגעהויבען וויזען א נייע, אומבעקאנטע ריכטונג. פון קליינעם אידילישען שטעטעלע פון וואנען דער דיכטער האט געצויגען פריהער זיין פאעטישע יניקה, פון דעם זעלבען שטעטעלע האט יעצט ארויסמארשירט דער מאבילזירטער פאעט מיט א פרעמדער אהנונג וועגען קריג, טויט און אומרחמנות'דיגקייטען פון לעבען, פון די שלאכט-פעלדער זענען מעהר נישט צוריקגעקומען קיין ראמאנטיקער, אויב זיי זענען בכלל צוריקגעקומען; אין די אקאפעס איז רייף געווארען די אידעע פון א נייער וועלט-אנשויאונג אין דער קונסט. דארט האט דער דיכטער אויף אנ'אמת דערקענט די ערד, וואס איז איהם פריהער געווען אזוי נאהענט און דאך אזוי פרעמד.

די נייע יודישע דיכטונג האט געמוזט געפינען אנ'אויסדרוק פון דער דאזיגער משוגענער עפאכע. אין די גרויסע שטעט האט דער פאעט געזוכט א נייע ארכיטעקטאניק, כדי צוגעבען אנ'אויסדרוק זיין נארוואס געבוירענער וועלט-אנשויאונג. די דאזיגע עפאכע האט אפגערוקט אין א ווינקעל דעם ראמאנטישען פאעט, דעם ליריקער און שטימונגס-דיכטער, אבער צוזאמען מיט איהם איז אויך אפגערוקט געווארען יענער לעזער-עלעמענט, פאר וועמען דיכטונג און ליטעראטור זענען קודם כל אנ'ענין פאר זיין רוחניות'דיגקייט, פאר זיין גייסטיגקייט. אויב עס איז אויסגעשטראבען געווארען אין דער דיכטונג דאס מענשליכע הארץ און זיין ריטמיש קלאפען — איז אויך אפגעטויטעט געווארען די ליבע פון פרימיטיווען פאלקס-מענש צו פאעזיע. דער פוטוריזם און עקספרעסיאניזם האבען אויף דער דיכטונג ארויסגעגעבען נייע געזעצען, די דאזיגע געזעצען, וואס זענען, אגב, פסיכאלאגיש בערעכטיגט, האבען אבער אין די יודישע מאסען צעריסען דעם קאנטאקט מיט דער יודישער דיכטונג. דער ניכטערער לאגישער עלעמענט, טענדענץ-בעוואוסטזיין און פריהערבעשטימטע צילען, וואס זענען ארויפגעלעגט געווארען אויף דער דיכטונג, האבען אוועקגעטריבען יענעם לעזער-קאנסומענט, וואס האט אידעאיש נאך נישט אויפגעכאפט די טראגישע צייט-אומשיכטונג.

עס איז אנ'אומפערמיידליכער געזעץ אין פסיכישען לעבען פון די יודישע מאסען, אז דעמאלט ווען פון איין זייט ווערט אויפגעשטעלט דער רויער קולט פאר דער ערד, און איהרע געניסען, דעמאלט ווען פון טאג-טעגליכען לעבען ווערט געמאכט א געץ, וואס דארף בעפרוכפערען די דיכטער — אין דער זעלבער צייט קאן מען זעהן די ווענדונג צום אידעאלען, צום צוקונפטיגען און קומענדיגען, וואס דארף אויסלייזען און בעפרייען. אין די עפאכען פון מארטירעריי און יודען-פערפאלגונגען ווערט אויפסנייע געבוירען גאט און זיין השגחה'דיג אויג רוהט ווידער איבערן גורל פון יודישען פאלק. נעבען דעם זאמדיגען וועג — בליהט ווידער אויף א זאפטיגער, שמעקענדיגער, אאזיס. בעת אין פוילען זינגט מארקיש דאס געשריי פון בלוט און הפקרות, בעת א. צ. גרינבערג שניידט איבער די אדערן דעם לעצטען טרויער — ווערט אין ניו-יארק געבוירען דאס שטילע, בטחון-פולע ליד פון משיח-זוכער, פון מקובל, פון פאנטאסט, דאס קיהלע און דאך פלאמיגע ליד פון לייוויק. אין לייוויקען האט דער יודישער פאלקס טימליכער בטחון צוריק געפונען זיין תיקון, דער אמעריקאנער לעבענסשטייגער האט שוין לאנג געהאט געטויט יעדעס סוביעקטיווע, יעדעס מענשליכע אינטימע. דארט, וואו דאס לעבען ווערט רעגולירט דורך מאשינען-ספרוזשינקעס, איז שווער, אז עס זאל אויפבליהען דער מענשליכער אידעאל. ער ווערט נאר געבוירען אין בטחון פון א גייסטיגער אויסלייזונג. לייוויק האט ווי פרץ אונטערגעשטראכען דעם מענשענס אידעאליזם און דער וועלט פון מאטעריע, דער „גולם“ איז דער אויסדרוק פון רויען, סטיכישען רעוואלוציאניזם, וואס ברענגט אבער דאך נישט קיין אויסלייזונג פאר'ן מענש. עס פעהלט אין גולם יענער פונק, יענער לאווא-שטורם וואס טראגט אין זיך די געבורט פון אידעאלען. די מאטעריע איז אהן אידעאל. איהר ענד-ציל איז — פערניכטונג. אויף איהר קבר שפראצען ווילדע שטעכיגע גראזען. אין לייוויקען האט די יודישע דיכטונג צוריקגעפונען דאס פרימיטיוו-מענשליכע און דאך טראגישע הארץ פון יוד-מענש. ער האט די יודישע פאעזיע אפגעפרישט מיט א נייער אידעען-קוואליע, וואס האט צוריקגעברענגט אין דער ליטעראטור דעם פאלקס-מענש, אלס איהר ביז איצטיגער הויפט-קאנסומענט.

איך עמפפעהל מאשטש צו פאדלאגעס
„Jaśniej słońca”
שוה-פאסטע
„Jaśniej słońca“
ווי אויך פליסיגקייט (PŁYN) צו פוצען מעטאלען.
D. MARKUS
ŁODZ, 59 PIOTRKOWSKA 59
tel. 128-02.
Reprezentant na Łódź i Województwo.

היינט זינגט גרשון סיראטא

היינט מיטוואך אווענד ערווארט דאס יודישע לאדז אזו די ליבהאבער פון יודישער נגינה א זעהר אנגענעהמע סיורפריז. עס טרעט אויף אין פילהארמאניע-זאל דער אויבערקאנטער גרשון סיראטא

אויפ'ן היינטיגען קאנצערט טרעט אויך ארויס די בעריהמטע לירישע זינגערין, די טאכטער פון גרויסען קינסטלער פרל. העלענע סיראטא, וועלכע וועט אויספיהרען די שענסטע פערל פון דער געזאנג קונסט.

אין היינטיגען פראגראם וועלען די קינסטלער אויספיהרען צווישען אנדערע: חזנ'ישע מאטיוועו, יודישע פאלקס-לידער און ווי אויך אריען-אפערן.

ביים קלאוויר וועט זיצען דער זיהן פון גרשון סיראטא, דער בעריהמטער און בעקאנטער פיאניסט ה' נפתלי סיראטא.

„ארט“ פאר א פינאנציעלער קאטאסטראפע

(ענדע פון 7-טע זייט).

דער האנדווערקער-קאמער און די האנדווערקער בעקומען שטענדיג די איניציאטיוו אויף ארבייטען, וועלכע וועט זיי דערהאלטען אויף דער אויבערפלאך. „ארט“ האט אויך געגרינדעט קורסען פאר האנדווערקער, כדי זיי צוצוגרייטען צו די עקזאמענס אין הסכם מיט'ן צעכען-געזעץ. „ארט“ האט אין דער ארבייט ארייננעלעגט 8000 זל. און 76 האנדווערקער פון די קורסען האבען אויסגעהאלטען די עקזאמענס.

די ריכטונג פון דער „ארט“-ארבייט איז איצט געווענדעט אויף אויסארבייטען א סאציאלען פלאן, דער וועבעריי-קאאפעראטיוו וואס איז געגרינדעט אין לאדז אנטוויקעלט זיך מוסטערהאפט, דער קאאפעראטיוו האט שוין אפגעצאהלט 12 טויזענד זלאטים פאר די מאשינען און זיי טראכטען שוין וועגען פערגרעסערען איהם. „ארט“ האט לעצטענס אפגעהאלטען קאנפערענצען מיט קאנפעקציאנערען, שוסטערס און שטעפערס וועגען אזעלכע קאאפעראטיוון און וועגען ראציאנאליזירען דעם איינקויף און פערקויף.

ביי „ארט“ עקזיסטירט

א בעראטונגס-שטעל

וואו טויזענדער מענשען קומען זיך בעראטען, ווי אזוי צו געשטאלטען זייער עקאנאמישע צוקונפט, ס'איז פערשטענדליך. ענדיגט ד"ר ווישעווינסקי, אז „ארט“ קען נישט אין 100 פראצענט לעזען דאס סאציאלע פראבלעם, אבער דער אנהויב ווערט געמאכט און דאס טאקע יא מיט א הונדערט-פראצענטיגען ערפאלג.

דיר. לעקיך ווייזט אן: אז די יודישע געזעלשאפט גיט זיך נישט אפ קיין חשבון פון דער וויכטיגקייט פון „ארט“, אפילו די וואס געבען געלד ווייסען נישט די וויכטיגקייט פון דעם אויף וואס דאס געלד איז געווענדעט.

דיר. לעקיך ווייזט אז אויף דער גרויסער ארבייט וואס דער לאדזער „ארט“ האט געטאן אין דער שטיקעריי, זאקען-אפטיילונג און קאטאן-אפטיילונג, הונדערטער ארבייטער זענען ארייננעדרונגען אין די פאבריקען. צוזאמען מיט דעם איז אויך אנגעווענדעט געווארען דער קאמף פאר רעכט אויף ארבייט אויף ביידע פראנטען, סיי צווישען די נישט יודישע ארבייטער, סיי צווישען די יודישע פאבריקאנטען.

דאס איז אין קורצען די גרויסע און פרוכטבארע ארבייט פון „ארט“, און איצט פרעגט זיך, צי וועט די יודישע געזעלשאפט גלייכגילטיג צוקוקען צו דעם, ווי „ארט“ קאמפט מיט די שרעקליכע פינאנציעלע שוועריגקייטען, וועלכע וואלטען, חלילה, געקענט ברענגען צום ליקווידירען מאנכע ארבייטען, אנשטאט זיי צו ענטוויקלען.

מיר רעכנען, אז דאס וועט נישט געשעהן. די לאדזער געזעלשאפט האלט אויס די גרויסע ביודזשעטען פון די פילאנטראפישע אינסטיטוציעס מכל-שכן וועט זי געפינען פערשטענדניש פאר א סאציאל-עקאנאמישער ארבייט ווי ס'טוט די מוסטער-אינסטיטוציע „ארט“.

א בשורה טובה פאר ליבהאבער פון שעהנער נגינה
היינט, מיטוואך. 9 אזו. קומט פאר אין זאל פילהארמאניע
איינאיינציגער גרויסער קאנצערט
פון וועלט-בעריהמטען קעניג פון די חזנים, גלענצענדער זינגער און אונפערגלייכליכער צויבערער פון עמוד
גרשון סיראטא
מיט דער בעטייליגונג פון דער בעקאנטער לירישער זינגערין פרל. העלענא סיראטא.
וועלכע וועלען אויספיהרען די שענסטע פערל פון די יודישע פאלקס-לידער, חזנ'ישע נגינות און אפערן-אריעס.
אין פראגראם צוו. אנד.: כי הוא לבדו, אבינו מלכנו, שמע ישראל. אב הרחמים, בת ציון. רצה, אתה יצרת רבונו של עולם (ספירה), אלהי נשמה, שלאף מיין קינד, קדיש, דאס פאסטוכעל, אלי אלי, שיר השירים און פיל אנדערע.
ביים פארטעפיאן: ה' נפתלי סיראטא.
בילעטען פון 1 — 3 זל. צו בעקומען ביי דער קאסע פון פילהארמאניע

קאנצערט פון ווארט און מוזיק

אורדענט איין די געז. „קולטור-ליגע“

די ידיעה וועגען דעם גרויסען פאלקס-קאנצערט, וואס עס גרייט צו די געז. „קולטור-ליגע“ אויף דעם שבת נאכמיטאג אין זאל „אזא“, האט אין דער שטאט ארויסגערופען פּראינטערסירונג.

דער דאזיגער ליטעראריש-קינסטלערישער ארויסטריט זאגט צו זעהר א סך גענוס פאר אלע ליבהאבער פון מוזיק, געזאנג און ארטיזם. דער קינסטלערישער אויפטריט איז דורך דער פערוואלטונג פון „קולטור-ליגע“ צוזאמענגעשטעלט געווארן מיט פערשטענדניש

אויפ'ן ערשטען ארט געהט דאס גרויסע כאר פון דער געזעלשאפט „קולטור-ליגע“, וועלכעס ווערט געפיהרט פון דער נאנטער האנד פון פראפ. זאזולא. דאס כאר וועט זינגען א גאנצע רייה ארבייטער- און פאלקס-לידער. ווייטער די דראמאטישע סטודיע „בעגינען“, וועלכע האט אין די לעצטע יאהרען איבער זיך א סך געארבייט. די פארשטעלונגען פון דער סטודיע וועלען אהן צווייפעל פערשאפען גייסטיגע הנאה יעדען צושויער אויף דעם ארטיסטישען פאלקס-קאנצערט. דאן דער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון דיר. י. זיל-בערבערג און לסוף דער אויפטריט פון בעליבטען ארטיסט י. סטויגאטש און א פירעל קאנצערט פון דער יונגער טאלאנטפולער פידלערין פרל' מארקסאן וועלכע וועט אויספיהרען איינינע מוזיקאלישע נומערן.

ס'איז צו דערווארטען, אז דער דאזיגער פאלקס-קאנצערט וועט האבען דעם פערדינטען ערפאלג.

רעגינע צוקער געזעגענט זיך

(בריף אין רעדאקציע)

חשוב'ע רעדאקציע!

דערלויבט אונז דורך אייער חשוב'ער צייטונג אויסצודריקען אונזער דאנק דעם הארציגען יודישען טעאטער-עולם, פאר די ווארימע אויפנאהמע, וואס ס'איז אונז ארויסגעוויזען געווארען אין משך פון די 5 חדשים, וואס מיר האבען געשפילט אין יודישען טעאטער אין „פילהארמאניע“.

גלייכצייטיג דאנקען מיר דער רעדאקציע פון „נייעם פאלקסבלאט“ און אלע אונזערע פריינד און סימפאטיקער.

אונזערע גאסטשפילען אין לאדז וועלען אייביג בלייבען אין זכרון.

בלייבט געזונד!

מיט כבוד

רעגינע צוקער

קארל צימבאליסט

בעריכטיגונג

אין אונזער נעכטיגער האנדווערקער-ביילאגע אין בעריכט וועגען דער קאנפערענץ פון די טעקסטיל-פאכען אין דער האנדווערקער-קאמער דארף זיין, אז רעפערירט האט ד"ר קאצענבויגען און נישט ווי ס'איז צוליב א פערזעהען אנגעגעבען ד"ר קארטשאק.

ראדיא-פראגראם

מיטוואך, דעם 3 פעברואר 1932

11,45 פרעסע-איבערזיכט. 11.58 צייט-סיגנאל. 12,10 גראמאפאן. 3,45 בערזע און קאמוניקאטען פאר פישער און שיפער. 3,50 גראמאפאן. 4 20 פארלעזונג. 4.40 גראמאפאן. 4.55 לעקציע ענגליש. 5,10 פארלעזונג. 5,35 איטאליענישע מוזיק. 6,30 פערשידענעס 7,15 פאסט קאסטעל. 7,30 רעפערטואר. 7,45 ראדיא פיעסע. 8.00 פעליעטאן. 8,15 קאנצערט 9,05 ליטעראַרישע פערטעל שעה. 9.20 קאנצערט. 10,25 קאמוניקאטען. 10,40 אייראפעאישע טראנסמיסיעס.

קלאנג-קינא-טעאטער
ZACHĘTA
26 זגערזשער 26

היינט און פאלגענדע טעג!
דער שענסטער קלאנג-זינגענדער פילם פון דער לאנד-פראָדוקציע
אויפ'ן גרונד פון דער נאָוועלע פון Henryk Sienkiewicz

יאנקא מוזיקאנט

אין די הויפט-ראלען:
Marja Malicka, Witold Conti, A. Dymsza i Kaz. Krukowski
אויסער'ן פראגראם: קלאַנג-צוגאַבע
נעכסטער פראָגראם: „HAI TANC"

דער זאל איז גוט בעהייצט.
אָנהויב אין געוו. טעג 4 נאָכמ. שבת, זונטאָג 12 בייטאָג.

ENGLISH
פאַראָנפאַנגער און פאָרט-געשריטענע. קאָנווערסאַ-ציע, ליטעראַטור
צו צוגענגליכע פרייזען
ערטיילט א פעהיגער פע-דאַגאָג. — אָפּפרעגן אין אדמיניסטר. פאַר „Mir"

כעמיש-באַקטעריאלאגישע לאַבאראַטאריע
פון מאַגיסטער
ב. שאץ
פיעטריקאווער 37
פראָגנס, 2 שטאָק.
אנאליזען פון קאַל, אורין לייכעץ און אנד.
מעסיגע פרייזען.

ארטאפעדישע אנשטאלט
זיכערע הילף און א רפואה

אהן א אפעראציע, אן בלוט, אהן א מעסער און אהן בלוט-פערגיפ-טונג פאר קראנקע אויף קילעס פאר מענער ווייבער און קינדער.
פערשידענע קאליקעס אין גוף פאר הויקערס און פיס

פערלאָזט אייך נישט, ווייל דער ווינקעל-בראָך ווערט גרוים אזוי ווי א מענשען-קאָפּ, אָדער אזוי ווי א וואַסער-קאַן און עס פאַלט אריין אין דעם פוס און דער קראַנקער איז אין א גרויסער סכנה דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער בראַנדיג און שטאַרבליך. ספעציעל גומענע הייל-באנדאַזשען אויסגעצייכענט גוט דורך גרויסע פראָפעסאָר'ען מיט מיינע בעהאַנדלונג און פון דייטשען פראָפעסאָר דאָקטאָר בראַכוּרעזונג בעזייטיגען זיכער דעם וואָרגאַן און געפעהרליכסטע בראָך. אויך פאר הויקערס דעמוגנגען מיט הייל-גאָרסעטען און אפאראַטען פאר פערקרומטע פיס און פלאַט-פוס ספּעציעלע איינלאגען אין די שיך. קינסטליכע גומענע פיס און הענד, גומענע זאָקען, פאר די גרעסטע קראַנקע אדערן. עמפפאַנגט פון 9 ביז 1 בייטאָג און פון 3 ביז 7 אין אָוונד.

ארטאפעדישע אנשטאלט
Specialist J. RAPAPORT, Ortoped
von Lemberg Łódź, WOLCZANSKA 10,
tel. 221-77, front, parter.

בעמערקונג: דאָס פערזענליכע ערשיינען פון די קראַנקע איז גאַנץ נישט נויטיג. דיפּלאָמען האָבען אויסגעשטעלט פאלגענדע אוניווערזיטעטס-פראָפעסאָרען: פראָפ. ד״ר בעראַנטש, פראָפ. דר. י. מאַרישלער, פראָפ. ד״ר בר. קיעלאַנאָווסקי און ד״ר א. ...
מיר נעהמען אויך אָן טערזיכערטע פון דער קראַנקען־קאַסע.

דאנקזאגונג.
דערמיט דאַנק איך עפענטליך דעם גרויסען ספעציאַליסט ה' ד״ר. י. ראַפּאַפּאָרט, וואוינהאַפט אין לאָדז, וואָלטשאַנסקאַ 10, (פראָנט פּאַרטער) פאר זיין וואונדערבארע צוזאַמענפאַסונג מיר א באַנדאַזש פון זיין סיסטעם אויף א בראָך. איך בין אַלט 74 יאָהר און צוליב דער בראָך האָב איך גאָרנישט געקענט געהן, היינט פיהל איך מיך גאַנץ גוט. צו דעם דאָזיגען ספעציאַליסט האָט מיך אַנגעשיקט דער אַלעקסאַנדרער רבי דאַנציגער, פאַרוואָס ער דאַנקע איהם אויך.
מרדכי גריימאַן, אַלעקסאַנדער, ספּאַצעראָווא 23

דר. רייטלער = קוריאנסקא
צוריקגעקעהרט

ר״עטשניצע
פון דאקטוירים - ספעציאליסטען
11 בזשעזשינער 11
טעלעפאָן 137-63
ס'נעהמען אָן דאָקטוירים פון אַלע ספּעציאַליטעטען
וואָלינסקי, זאַלצוואַסער, לוביטש, סלאַ-באַדסקי, קערשנער, שיפּמאַן, שמירגעלד, שמערלאָווסקי.
ווי אויך וויזיטען אין שטאָט.
עלעקטריזאַציע, אנאַליזען, דענטיסטישער קאַבינעט.

קליינע אנאנסען
1 זלאטי
פאר א אנאנס ביז 15 ווערטער

לאקאלען
2-ch solidnych panów przyjmę na mieszkanie za niskiem wynagrodzeniem miesięcznem. Wiadomość: Pomorska 14 front II piętro, m. 4/5. 714

א געוועלב מיט א שטוב און קיך איז שוין איבערצוגעבען. צו ערפאַהרען אין פּרוכטען-געוועלב שרודמיעיסקאַ 58. 715

צו פערדינגען 2 צימער און קיך. ביליג דירה-געלד. רוג ציגעל-גאַס און ווסכאָדניע. צו ערפאַהרען אין אדמיניסטראַציע. מעקלערס נע-וואונשען. 707

עלעגאַנטע אויסגעמעבלירטע וואוינונג בעשטע-הענד פון צוויי צימער און קיך מיט בעקוועמליכ-קייטען קילינסקיעגאָ 89, טעל. 109-73. מעקלערס נעוואונשען. 705

א געוועלב מיט א שטוב ביליג איבערצוגע-בען גלובנאַ 58 (ס. יוליוש). צו ערפאַהרען אויפ' אָרט אין פּלעטען-האנדעל. 674

וויכטיג פאַר אָפּפאַל-הענדלער און סאָרג-שטייער א.ז.וו. ס'איז דאָ צו פערדינגען א געבויטע רעמיזע מיט א גמויערטען קעלער צוזאַמען מיט א שטוב געגען קליין דירה-געלד און געגען א מעסי-גען אָבטרעט-געלד. צו ערפאַהרען זגערזשער 49 אין דער געגענד פון באַקוטער פלאַץ ביי ה פיינדליך. 660

יעדער איינציגער
מעבעל
האָט זיך אי-בערצייגט, אַז פאר דיוואַנס, פעלצען, נייה-מאַשינען, גאַרדעראָבען אז״וו צאָהלט די העכסטע פּרייזען
א. ווייצמאן
שענקעוויטש 23
טעלעפאָן 191-00.
ביי מיר איז שטענדיג פערשידען געניצטע מעבעל אין גוטען צושטאַנד צו פערקויפען.

ZAKŁAD GRAWERSKI i FABRYKA STEMPLI
H. JOSKOWICZ
Łódź, Piotrkowska 156

poleca po cenach niskich:
STEMPLE:
kauczukowe, metalowe,
SZYLDY:
różnego rodzaju,
monogramy, herby,
żetony, znaczki sportowe i t. p,
Uwaga: Odsprzedawcy otrzymują znaczne rabaty. 706

— דוד —
עברי 3 חדשים
פון א-ב ביז עברי און דאַווענען דורך 3 חדשים ווערט געלערנט מיט קינדער פון 4 יאָהר אָן דורך מלמדים-ספּעציאַליסטען אין דעם בעוואוסטען רעליגיעזען

גן-ילדים פרעבעל-שולע
ביים בית-ספר „תורה-ודעת"
פל. וואָלבאַשטשי 6 (נייע שטאָט)
קינדער פון 4 ביז 8 יאָהר ווערען אהיימגעפיהרט דורך א ספּעציעלען מענש.
איינשרייבונגען ווערען אָנגענומען פון 11—1 מיטאָג.

אויטאָגענישע שווייסונגען
מעטאַל-בעאַרבייטונגען
שלאָסערייע-אַרבייטען
מאַשינען-טיילען
פיהרט אויס ביליג
J. REDER, Łódź
קאָנסטאַנטינער 11/13
(רוג זאַכאָדניאַ)

שייטלען
מיט פאַריזער שרינדען
ווי אויך פערטיגע שייטלען
ווערען ערשטקלאַסיג און רעעל אויסגעאַרבייט
צו ביליגע פּרייזען
ביי קערש, סקוואַראָווא 15

Dr. med. **Haltrecht**
ספּעצ.-אַרצט פאַר הויט און געשלעכטס-קראַנקהייטען
נעהמט אָן פון 8—9.30 פריה, פון 12.30—1.30 נאָכמ. און פון 5 ביז 9 אָוונד. זונטאָג פון 9 ביז 1 בייטאָג.
פיעטריקאָווער 10, טעל. 245-21
פאַר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע-פּרייזען.
דאַמען בעזונדער װאַרטע-זאַל.

Dr. med.
H. LUBICZ
ספּעציאַליסט פאַר הויט-, ווענערישע און געשלעכטס-קראַנקהייטען
צוריקגעקעהרט
צעגעלניאַנאַ 7 (פריהער 43) טעל. 141-32
עמפפאַנגס-שעה'ן 8—10, 12—2 און 5—8, זונטאָג און יו״ט 9—1. פאַר דאַמען בעזונדערער איינגאַנג.

DR. MED. **J. LUBICZ**
כירורג-אָרטאָפּעד
פּאָלודניאָווא 9, טעל. 183-17
קראַנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקרימונגען פון די פּלייצעס און גלידער
אייגענע פּראַצאָוניע פון זעמעליכע אָרטאָפּעדישע אַפּאַראַטען ווי: וועקלאַדקעס אויף פּלאַטפוסען, קינסטליכע הענד און פיס, גאָרסעטען א. ז. וו.
נעהמט אָן פון 2.30 ביז 4.30 נאָכמיטאָג.

Dr. **Z. Rakowski**
ספּעציאַליסט פאַר אויערן-, נאָז-, האַלז- און לונגען-קראַנקהייטען
11-טען ליסטאָפּאַד 9
קאָנסטאַנטינער טעלעפאָן 127-81
שפּרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אָן אין לעטשניצע זגערזשער 17 פון 10 — 11 און פון 2—3

Dr. A. SZMIRGELD
ספּעציאַליסט פון נערווענקראַנקהייטען
שפּראַכשטערונגען, (שטאַמלען און אַנדערע)
היילונג פון שוואַך-ענטוויקעלטע און שווער-ערציהבאַרע קינדער
ul. SRODMIEJSKA Nr. 27
טעלעפאָן 151-89 פון 5 ביז 7

Dr. med. STUPEL
Ordynator-Roentgenolog Szpitala Miejskiego
האָט בעניי די אויפנאַהמען אין רענטגענאָלאָגיע אין דער לעטשניצע זגערזשער 17 פון 12—6 נאָכמ. זונטאָג פון 12 — 2 מיטאָג.
אין וועניערישע קראַנקהייטען אין דער היים אויף מיעלטשאַרסקיעגאָ 12 (שקאָלנאַ) טעל. 118-28 פון 7—9 אָוונד, זונטאָג פון 4—6 נאָכמ.
אונבעמיטעלטע און ערבייטסלאָזע בעראַטונגען אין דערהיים מיטוואָך און זונטאָג בחנם.

44 וויכטיג פאר מחותנים! 44
קייפט נישט קיין
מעבעל
בעפאָר איהר איבערצייגט אייך נישט אין מיין מעבעל-געשעפט
Ch. ŁAZNIK
44 גדאַנסקאַ (דלוגאַ) 44
טעל. 162-56
נאָר ביי מיר קענט איהר בעקומען פּערש. מעבעל שעהן, גוט און ביליג.
בעמ.: בקויף אויך געניצטע מעבעל, דיוואַנס א. ז. וו.
קומט און איבערצייגט אייך!
44 44

2 pokoje
z umeblowaniem lub bez z używalnością kuchni i telefonu, elektryczności i gazu dla młodego małżeństwa, **do wynajęcia.**
Wiadomość tel. 224-49. 704

PORADNIA WENEROLOGICZNA
פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען
זאַוואַדזקאַ 1.
נאָר פאַר ווענערישע הויט-קראַנקה. און מענער-שוועכע אַנאַליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפּער. קאָנסיליומס מיט ספּעציאַליסטען פון אויראַ-לאַגישע און נערווען-קראַנקהייטען.
קוואַרץ-לאָמפּ. עלעקטרישער הייל-קאַבינעט ראַסמעטיק.
— — טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אָוונד. — —
פון 11 ביז 12 ביי טאָג און פון 2 ביז 3 נאָכמ. נעמט-אָן א פרוי-דאָקטאָר נור קינדער און פרויען
זונטאָג פון 9 פריה ביז 2 נאָכמיטאָג.
— בעזונדער וואַרטע-צימער פאַר פרויען. —
וויזיט 3 זל.

Dr. med. **REICHER**
פּאָלודניאָווא 28, טעל. 20193
ספּעציאַל-אַרצט פאַר מענער-שוועכע-בעהאַנדלונג
נעהמט אָן פון 8—11 פריה און פון 5—8 אָוונד.
זונטאָג און יום-טובים פון 9—1 בייטאָג.

Dr. med. NIEWIAŻSKI
ספּעציאַליסט פאַר סיפיליס, טריפּער און הויט-קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג פון מענער-שוואַכע
אַנדזשעיאַ 5, טעל. 159-40
נעמט אָן פון 8—11 און פון 5—9 אָוו.
זונטאָג און יום-טוב פון 9—1 פאַרמ.
בעזונדערער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

DOKTOR
H. WOŁKOWYSKI
צעגעלניאַנאַ 4, טעל. 216-90
ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט- און ווענערישע קראַנקהייטען, מענער-שוועכע, אַלע אַרט אַנאַליזען, עלעקטראָטעראַפּיע, בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-שטראַהלען.
נעמט אָן פון 8—2 און פון 5—9 אָוונד.
בעזונדער וואַרטע-צימער פאַר פרויען.

אַבאָנעמענט-פּרייז: אין לאָדז — 5 זל. א חודש מיט צושטעלען א היים; אויף דער פּראָווינץ 6—7 א חודש אין אויסלאַנד — 8 זל.
פאַר'ן אינהאַלט און טערמינען די אָנאָנסען איז די פערלאַג נישט פעראַנטוואָרטליך די אַדמיניסטראַציע איז אָפען בייטאָג און ביינאַכט.

אַנאָנסען-פּרייז: פאַר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאָג און ערב יו״ט—24 גר. אין דער זייט 8 שפּאַלטען
אין טעקסט—40 . . . . 60— . . . 4
נאָכ'ן טעקסט—12 . . . . 18— . . . 8
... 50 ... 100 ... 10 גר. ...

Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Zilberberg.
Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.